די פעלקער וועסטו ניט האבן קיין רו און קיין מנוחה וועט ניט זיין פאר דיין פוסטריט" דברים כ"ח) . . . עס איז אויך אמת, וואס פריינד א. גאלאמב, באהויפטעט אז די אנהענגער פון דער דיאספארע־פאלק־אידיי האבן איר אנגעהויבן צו פארווירקלעכן נאכן ערשטן חורבן, אבער ברוך בן נריה איז געווען דער איניציאטאר, ניט ירמיה. ער — ירמיה — קלאגט „מלכה ושריה בגוים אין תורה" — איר מלך און אירע הארן וואס זענען צווישן די פעלקער האבן ניט מער קיין תורה, אין הסכם מיט די רייד פון משה) אויך אירע נביאים געפינען ניט קיין זעאונג פון גאט. איכה ב׳)

ברוך בן נריה האט געגרינדעט די ערשטע ישיבה פון תורה אין גלות בבל און איז געווארן דער טרשטער גלות־נביא, (מגילה ט"ז־רש"י) צום ווידערווילן פון ירמיה. עס איז קיין ספק ניט, אז אויך ברוך בן נריה האט ירמיה געזאגט די הארבע ווערטער — „מדוע שובבה העם הזה" — פארוואס האט זיך דאס פאלק אפגעקערט פון ירושלים אן אייביקע אפקערונג? זיי האלטן זיך אן אין באטרוג, זיי ווילן ניט צוריקקערן קיין ירושלים . . . ווי קענט איר זאגן — חכמים זענען מיר און די תורה פון אלמעכטיקן איז מיט אונז, ווען אין אמתן האט איר זי פארפעלשט מיט א פאלשער פען פון סופרים. ירמיה ח׳) דערפאר האט ירמיה געהאלטן אז ברוך בן נריה איז ניט ראוי צו ווערן א נביא און אים ניט געוואלט געבן קיין סמיכה. (ירמיה מ"ה — מכילתא סוף פתיחתא דפסחא, רמב"ם מורה נבוכים ח"ב פל"ב)

ברוך בן נריה׳ס ישיבה האט קוים אנגעהאלטן עטלעכע דורות, ביז די תורה־ישיבות האבן אנגעהויבן צו פונקציאנירן אין ארץ ישראל. מען גרויסט זיך נאר אז עזרא, הלל און רבי חייא האבן פארפעסטיקט די פארגעסענע תורה אין ארץ ישראל, ווען זיי זענען געקומען פון בבל האבן הלל און רבי חייא ניט מיטגעבראכט קיין תורה, זיי זענען געקומען לערנען. אין די ישיבות פון שמעיה ואבטליון און רבי, ווייל בבל האט ניט מער געהאט קיין וויכטיקע ישיבות. (סוכה כ׳) ערשט א לאנגע צייט נאכן צווייטן חורבן געפינט מען ווידער מאמרים אין די תלמודים וואס די אנהענגער פון די צוויי שיטות האבן געדרשנט צו בארעכטיקן זייער שטעלונג.

אן איינוווינער פון ארץ ישראל און אן אנהענגער פון „שלילת הגלות" באהויפטעט, אז די קלענסטע סעקטע אין ארץ ישראל האט דער אלמעכטיקער מער ליב, ווי די סנהדרין הגדולה אין חוץ לארץ. (ירושלמי נדרים פט"ו ה"ח) אן אנדערער אנהענגער, ר׳ זירא, ווען ער איז אויפגעגאנגען פון בבל קיין ארץ ישראל, האט ער געפאסט הונדערט תעניתים, אז ער זאל פארגעסן די תורה וואס ער האט געלערנט אין בבל. און אן אנהענגער פון „חובת הגלות", רב יהודה בר יחזקאל, האט געזאגט — ווער עס פארלאזט די ישיבה פון בבל און גייט לערנען תורה אין ארץ ישראל איז עובר אויף אן עשה . . . ווייל ווי עס וויזט זיך ארויס פון זיינעם אן אנדערן מאמר האט ער געהאלטן אז אין ארץ ישראל לערנט מען ניט תורה לשמה. (בבא מציעא פ"ה, כתובות ק"י, נדרים פ"א—ר"ן)

ווערט א מיטגליד פון „פריינט פון יידיש־לשון"



# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 7־5 (העפט 15־413) זיבן און צוואנציקסטער יאר מאי־יולי 1966 לאנדאן

א י נ ה א ל ט :

צו שלום־עליכמס פיפציקסטער יארצייט ............ .... * 1
שלום־עליכמס 50׳סטער יארצייט ........... א. מ. קייזער * 3
שלום־עליכם דער ציוניסט ........... יוסף פרענקעל 4
שלום־עליכם נאך 50 יאר ........... ש. גאלדשמידט 7
די געפערלעכע מצה (דערציילונג) ........... שלום עליכם 9
דער מאנגאליע בוים (ליד) ........... עלא זילבערג 10
ווי א הונט (ליד) ........... שמואל וו‏הייט 10
ראמאנס (ליד) ........... רבקה קאפע 11
אין הייליקן לאנד (ליד) ........... יוסף לעפטוויטש 11
ביי דער קו אונטערן עק (פראזע) פאריז (לידער) ........... א. נ. שטענצל 12
ירוחם דעם מלמד׳ס פרנסות (הומארעסקע) ........... א. מ. קייזער 30
טרוימעריי (דערציילונג) ........... יוסף ד. באסט 31
ש. איזבאן אין העברעאיש (רעצענזיע) ........... ש. י. דארפסאן 34
אונזער אנגעצייכנדן יארצייט ליכט עלעק וואטערמאן ע"ה וועגן יידיש אין לאנדאן, א גוטער גרוס געברענגט פון דר. י. מייטליס .... פון ש. 35
דער ווארשעווער געטא ........... י. ריכטיגער 36
דער ציל פון דער 19׳טער אפריל פייערונג ........... מאיר באגדאנסקי 42
ייווא־טעטיקייט אין ענגלאנד ........... מיכאל זילבערבערג 45
ראמען ראלאן (עסיי) ........... אברהם סילקעס 47
קולטור־ידיעות באריכטן, דער שבת נאכמיטאג.

## ראש השנה־ווונטשן

מיר בעטן אונזערע אבאנענט און פריינט באצייטנס אונז צוצושיקן אייערע ראש־השנה ווונטשן. ד. ר.

רעדאקטירט פון א. נ. שטענצל

פרייז 2 שילינג

אבאנאמענט־פרייז :—26 שילינג פאר א יאר

אין אויסלאנד :—8 דאלאר א יאר

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע :—

'LOSHN UN LEBN," 17 DELAMARE BUILDINGS.

COLLINGWOOD STREET, LONDON, E.1. ENGLAND

*Published and Edited by* A. N. STENCL, 17 *Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Street, London, E.1*



אין דער פופציקסטער יארצייט פֿון אונזער קלאסיקער, אונזער גרויסן הו־מאריסט שלום־עליכם, האט זיך אונזער ישוב מיטבאטייליקט אין א לעבעדי־קער ציונג, איינגעארדנט פֿון שריי־בער־פאריין צוזאם מיטן יידישן וועלט קאנגרעס, פון בן־אורי צוזאם מיטן „דזשואיש קווארטערלי״ און פֿון „פֿריי־נט פֿון יידיש־לשון״ ביים יידיש־לי־טעראַרישן שבת־נאכמיטאג.

אונזער טיפֿן מיטלייד צו פריינט **א. ז. גרינבי**, דער בעל בית פון יידישן טעאטער „גרענפאלעי״ איבער טויט פֿון זיין פֿרוי **גאלדע** ע״ה. זאל ער דער מאן און די קינדער און אייניקלעך זיין געטרייסט אין דעם גוטן נאמען וואס זי האט איבערגע־לאזט. פֿריינט פון יידיש־לשון.

## יידן אין ענגלאנד, שטודיעס און מאטעריאלן, 1914־1880

דער באנד „יידן אין ענגלאנד״ איז נאר וואס דערשינען אין ניו יארק און נעמט ארום פֿאלגנדיקע ארבעטן: ארייַנפֿיר־ווארט — אהרן שטיינ־בערג — יידישע אימיגראציע — ד. ב. האלפערן — יידישע פרעסע — יעקב הדס — חיבת ציון און ציוניזם — יוסף פרענקעל — ארטאדאקסיש יידנטום — ב. האמא — רעפֿארמיזם און קאנסערוואטיזם — איגנאץ מייר־בוים — יידישער חינוך — פ. ל. ס. קווין — יידישער צושטייער צו קונסט — ארטשיבאלד זיגלער — יידיש טע־אטער — ש. י. הארענדארף — קריס־טלעכע מיסיעס — מיכאל זילבערבערג — יידישע ארבעטער־באוועגונג — אהרן ר ראלין — קאטאלאג פֿון דער דוד מאוושאוויטש־קאלעקציע אין ייווא — ז. שייקאווסקי —

די איצטיקע אויסגאבע גייט אריין אין דעם יובל־פראגראם לכבוד פער־ציק יאר ייווא — 1965־1925 — און איז די ערשטע פובליקאציע אין יידיש וועגן דער געשיכטע פון יידן אין ענגלאנד.



## יוסף פיינגאלד

דער באקאנטער מעטאל־פלאסטיקער און סקולפטאר פֿון ווארשע איז איצט אויף א באזוך אין לאנדאן. דער קינס־טלער האט שוין מערע מאל איינגע־שטעלט זיינע זאכן אין פוילן און בא־קומען מעדאלן פאר זיינע ווערק. ער האט מיטגעבראכט אייניקע זאכן און ער וועט זיי אויסשטעלן אין בן־אורי. ער האט צווישן זיי ווערק א סך יידישע מאטריאל. מיר זאגן דעם קינסטלער יוסף פֿיינגאלד א ברוך הבא.


# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 7־5 (העפֿט 15־413) זיבן און צוואנציקסטער יאר מאי־יולי 1966 לאנדאן


## צו שלום-עליכמס פופציקסטער יארצייט

מ׳הערט לאכן א טויב, א הירזשעדיק פֿערד,
א שאקאל, אן אייזל, א וואלף — וויינען;
צוזאמען ביידע עס קאן נאר רק דער מענטש,
ווי ריידן, ווי שרייבן און ווי ליי׳נען.

בלויז אז אין לאכן גופא ס׳אל זיין געוויין
און אין יללה־יאמערן — לאכן!
ס׳איבערמענטשלעכע, ממש געטלעכע,
נאר איינער אין דער וועלט געקענט מאכן.

„שלום־עליכם — עליכם שלום״ —
בהעלם אחת לאכן און וויינען!
דער צער פֿון יידישן פאלק, זיין בטחון,
אין איין מענה־לשון זיך פֿאראייניקן.

מיט אויסגעשטרעקטער האנט אן ארעמאן,
וואס גייט טרויעריק איבער די הייזער,
און לבנהאיש־פֿארחלומט, מלא־שמחה,
אקיגן משיחן דעם דערלייזער.

זעט ווי ער גייט — ער שטייט דאך ביים ראנד שוין!
פֿאר זיין לעבן נישט געבן קיין צווייער!
ווען נישט מנחם מענדלס שלוש הדברים,
אין אפגרונד אראפ פאלט ער דער גייער —

„על שלושה דברים העולם עומד״—
ס׳שטייט די גאנצענע וועלט אויף דריי־זאכן!
אז וויאזוי וואלט מען געקענט לעבן,
פֿון די צרות זיך נישט אויסצולאכן.

וואסער פנים דער עמק־הבכה,
מיט אלע טוביה׳ס, זיי זאלן לעבן
און מנחם מענדלען מיט זיין פאראסאל,
אין הימל אריין טוען טאן שוועבן —

דרייען, דרייען ביז ארויף מען דרייט זיך,
ניין איילן טיף אין דער ערד צו ליגן;
אז וואס איז לאכן, אז וואס איז וויינען,
טענער און פֿאלן פון זעלבן ניגון.

# דאס שלום עליכם הויז אין ווהייטשעפל

## א. מ. קייזער צו זיין יובל השבעים

ווען כ׳ גיי פארביי דאס הויז וואו ער געוואוינט האט,
איינגעהאלטן שטילער און שטאלצער מיין טראט;
ווי פון אזא פרייד־טרער ווערט פייכטלעך מיין אויג,
בלייב שטיין א רגע ווי געטון א פארנויג.

כ׳זע ליכטיק א האנט שרייבן אויף גרויער וואנט:
אייביק בלייבן דאס לאנד, דו האסט עס דערמאנט . .
איז פון נבואה די שטאט נאך עפעס פאראן?
„לאנדאן, פארוואס ברענסטו נישט?״ און ווייטער כ׳שפאן.

האט יונה נישט אפגעראטעוועט די שטאט
מיט זיין כעס, וואס ווי סנה געברענט ער האט?
און אין זיין גרויס גרימצארן גאט זיך צעלאכט — — —
און איך גיי ווייטער שטאלץ און שטיל און פארטראכט.

# א ליד צו דער הונדערסטער יארצייט פון „תפארת שלמה״

— צו פארשטיין דעם זאץ: „לאנדאן, פארוואס ברענסטו נישט?״—

דער תפארת שלמה״, זכרונו לברכה,
אז ער האט עמעצן א ברכה געגעבן,
א געבייזער גאר זיך אים ארומגעריסן;
„צו אלדע גוטע יאר מיט דיין לייב און לעבן״!

מיטן קוויטל־פדיון אין האנט, אויפגעציטערט,
האט זיך דער ייד צעווײנט מיט ביטערע טרערן:
„גאט, טאטע־פאטער, אויבן אין הימל, העלף מיר,
זעסט דאך, נאר דו אליין נאך קאנסט מיך דערהערן״.

דעמאלט דער ״תפארת־שלמה״ זיך אויסגעדרייט,
זיין צורה — א נחתדיק, חכמהדיק לאכן:
„הערסט, ווען ער זאל אפילו א וואלד־גזלן זיין,
עס וועט אזא געוויין דאס הארץ אים צעבראכן״. ך

דער ייד ארויסגעגאנגען א געהאלפענער,
און אין „תפארת־שלמה״ ווײנט שטיל א ניגון:
„זאל דאס טאקע זיין מיין גאנצענע עבודה,
רק געבייזערט זיך און אויף יידן געשריגן?

„העלף מיר דאך, קאנען דערפילן דעם צער פון א הארץ,
דערשפירן יענעמס בראך, ס׳וואלט געווען מיין אייגן;
פארשוויגן אין מיין הארץ אים אויסגיסן פאר דיר
און מיט א ברכה יעדן ייד גיין אקעגן״.

פלוצים פון ווײנענדיקס ווערט א פריילעכס —
א קינד וואלט זיך צעלאכן אינמיטן ווײנען:
„זאל זיך דאך א ייד אין נויט קאנען פארלאזן,
גאט, נאר אויף דיר און אויף ווייטער קיינעם״.



## א. מ. קייזער

# שלום עליכם׳ס 50טע יארצייט

## מיר מופן

אין אמעריקע איז א מנהג — מע מופט. דאס הייסט, מע פעקלט זיך פון איין דירה אין דער אנדערער. יעדער איינציקער מוז מופן. מופט ער ניט מיט זיין גוטן ווילן, מאכט מען אים, ער זאל מופן. דאס הייסט, אז איר צאלט נישט קיין דירה־געלט, גיט מען אויף אייך איין און מע ווארפט אייך ארויס, ווערט דאס אנגערופן אז מע האט אייך ארויסגעמופט. ..... .... .... .. ...

„מיר מופן״ איז געווען דער אנהויב פון לעצטן קאפיטל פון „מאטל פייסי דעם חזנס אין אמעריקע״. וואס שלום־עליכם האט געשריבן דינסטיק דעם 9טן מאי, פיר טעג פאר זיין טויט.

אנגעהויבן און נישט פארענדיקט. ער האט שוין געוווסט, אז ער האלט ביים מופן ... ער האט זיך אפילו געוויצלט, געזאגט צו באקאנטע: „גיט מיר מיט גרוסן אויף יענער וועלט״. אבער ס׳איז נישט געווען קיין וויץ. ער האט שוין געזעען דעם סוף.

דוד פינסקי, וועלכער איז געווען ביים גסיסה־בעט, דערציילט אז דאנערשטיק, דעם 11טן מאי, האט שוין ש״ע אליין דערפילט דעם אנקומענדיקן טויט. ער האט געהאלטן אין איין קרעכצן, מע האט אים געמאכט איינשפריצונגען צו פארלייכטערן די יסורים.

פרייטיק שפעט אין אוונט. ד״ר גינזבורג זאגט. אז די מינוטן זענען געציילטע, סיידן ס׳זאל געשען א נס, ווי ס׳איז געשען מיט אכט יאר צוריק אין באראנאוויטש, ווען ש״ע האט זיך געראנגלט מיטן זעלבן טויט און ער האט אים בייגעקומען. דער נס, זאגט דער דאקטאר, קאן בלויז געשען ווען ער קאן אויסטרינקען אכט גלעזער וואסער, וועלן די נירן אנהייבן ארבעטן און ער וועט געראטעוועט ווערן. אבער ש״ע האט זיך דאסמאל אפגעלאזט. וויל נישט העלפן דעם דאקטאר. וויל בשום־אופן נישט טרינקען.

אכט גלעזער וואסער! און שלום־עלכם בלייבט מיט אונז!

די פרוי פון אסיפ דימאוו, וועלכע איז דארט געווען, האט פרובירט אים געבן צו טרינקען, און — ער טרינקט! יא, ער טרינקט! אפילו נישט אלע אכט. אבער די נאכט איז גרויס. מע וועט שוין אין משך פון דער נאכט ארייַנקריגן אין אים די גאנצע אכט גלעזער וואסער. יא, דער נס וועט געשען.

דאס איז געווען ארום צוויי אזייגער פארטאג. אבער ארום 4 אזייגער איז דאס שוואכע הארץ זיינס פלוצעם שטיין געבליבן. דערנאך — ווידער אנגעהויבן צו קלאפן. דער נס! דער נס און — ווהדער זיך אפגעשטעלט, אינגאנצן זיך אפגעשטעלט. ניין! דער נס איז נישט געקומען איז דער סוף! דער סוף פון דעם „פשוטן איד״, ווי ער האט אנגעצייכנט אין זיין עפיטאפיע:

דא ליגט א איד א פשוטער
גנעשריבן יידיש־דייטש פאר
ווייבער
און פארן פראסטן פאלק האט
ער —
געווען א הומאריסט א
שרייבער.
דאס גאנצע לעבן אויסגעלא
כט,
געשלאגן מיט דער וועלט
כפרות.
די גאנצע וועלט האט גוט
געמאכט,
און ער — אוי ווי — געווען
אויף צרות.
און דוקא דעמלט ווען דער
עולם האט
געלאכט, געקלאטשעט, און
פלעגט זיך פרייען.
האט ער געקרענקט — דאס
ווייס נאר גאט —
בסוד, אז קיינער זאל ניט
זעען.

יענעם שבת, ווען ס'איז אנגעקומען די שרעקלעכע ידיעה וועגן שלום־עליכם'ס טויט, האבן זיך אויסגעלאשן אונזערע שבת־ליכט. פינצטער איז געווארן אונזער וועלט. מיט שלום־עליכמ'ן איז דאך געווען אזוי שבת־יומטובדיק אויפן הארצן. ווי אזוי וועלן מיר לעבן אן אים? און מיר האבן געריסן קריעה אין די קלאפּעס פֿון אונזערע פֿאר'אבל'טע נשמות.

ווי זאגט דער זוהר: „הכל תלוי במזל אפילו ספר תורה שבהיכל". יעדעס ספֿר האט זיין מזל. אזוי אויך יעדער שרייבער. נישט קיין מזלדיקע שרייבער, ווערט זייער אנדענק נעלם מיט זייער טויט, ווערט פֿארשאטן מיט דער לעצער לאפּעטע ערד. נעמט זלמן שניאורן למשל; אזא פֿייערדיקער זייל פֿון אונזערע ביידע ליטעראטורן, איז פשוט פארגעסן געווארן. אמת, מע האט געמאכט א גאס אויף זיין נאמען אין תל־אביב, דאס הייסט: די גאס האט פֿריערט געהייסן „דבורה", האט מען אויסגעשטראכן „דבורה" און אנגעשריבן „שניאור". און חסל סדר־שניאור! אפּגעענדיקט! אזעלכע פֿארגעסענע שרייבער זענען פאראן לרוב, נאר נישט דא איז דער ארט זיי אויסצורעכענען.

אנ־סקי האט געהאט דאס מזל פאראייביקט צו ווערן מיט זיין „דיבוק", וואס איז איבערגעזעצט געווארן אויף 20 שפראכן. אבער בלויז דער „דיבוק" האט זיך קונה־שם געווען אין דער ברייטער וועלט, צוליב זיין מיסטיציזם. אנ־סקי'ס אנדערע ווערק האבן נישט געהאט דעם „דיבוק'ס" מזל.

נאר אנדערש האט דאס מזל אפּגעשפּילט שלום־עליכמ'ן. ער איז איבערגעזעצט געווארן אויף 24 לשונות. זיין הומאר האט זיך צעגאסן ווי א שפרודלדיקער קוואל, כוואליעסווייז, איבער נאנטע און ווייט־ווייטע לענדער. די וועלט לאכט מיט דעם הילכיקסטן געלעכטער פֿון שלום־עליכמ'ס העלדן און זייערע קאמישע סיטואציעס. אומעטום, ווו דו קומסט היינט הערסטו דעם סימפּאטישן געלעכטער פֿון שלום־עליכמ'ן.

אין אמעריקע — דער „פֿידלער אויפ'ן דאך", געבויעט אויף שלום־עליכמ'ס „טביה", ווערט געשפּילט פאר געפאקטע הייזער. אין דייטשלאנד גייט מיט גרויס דערפֿאלג די „צוויי־הונדערט־טויזנט". אין ישראל האסטו ווידער דעם „פֿידלער אויפן דאך" אין עברית און „שווער צו זיין א איד" אין עברית. „טביה דער מילכיקער" אין יידיש און די „קליינע מענטשעלעך" אין יידיש.

שלום־עליכם לעבט מיט אונז.

עם ישראל חי ושלום־עליכם חי!

## שלום עליכם — דער ציוניסט

### פֿון יוסף פרענקעל

אין יאר 1959 איז געפֿייערט געווארן אין ירושלים, ניו־יארק, מאסקווע און אין ווארשע דער הונדערסטער געבוירנטאג פֿון שלום עליכם, דעם גרעסטן שרייבער און הומאריסטן פֿון דער יידישער ליטעראטור. און מיר געדענקען אין יאר 1966 זיין 50־טן יארצייט. דאס יידישע פֿאלק האט אויסגעוויילט שלום עליכם צום קעניג פֿון הומאר און געלעכטער און די וועלט־ליטעראטור האט אים אנערקענט אלס יידישן מארק טווען.

ווען טעאדאר הערצל האט געשאפֿן די ציוניסטישע וועלט־ארגאניזאציע, איז שלום עליכם געווארן איר מיטגליד. ער איז געווען א ציוניסט, א שקל־צאלער אין קיעוו, האט געהאט גרויסע פֿארדינסטן ביים פראפּאגירן דעם פאליטישן ציוניזם און איז געווען א דעלעגאט אויפן אכטן ציוניסטישן קאנגרעס אין האאג (1907).

נאכן ערשטן ציוניסטישן קאנגרעס אין באזעל (1897) האט שלום עליכם איבערגעזעצט אויף יידיש די בארימטע רעדע פֿון מאקס נארדוי: „די אלגעמיינע לאגע פֿון די יידן". די איבערזעצונג איז ארויסגעגעבן געווארן אלס בראשור און איז געווען די ערשטע פראפּאגאנדע־שריפֿט פֿון ציוניזם אין רוסלאנד. נארדויס רעדע איז געווען א ליידנשאפטלעכע באשולדיקונג קעגן די וועלט, וואס אונטערדריקט די יידן. וועגן רוסלאנד האט נארדוי געזאגט אין דער דאזיקער רעדע אין באזעל: „ווער עס קען, וואנדערט אויס, כדי צו געפֿינען אין דער פֿרעמד לופט און ליכט, וועלכע מען בארויבט אים אין זיין היימאט. ווער ס'איז נישט יונג אדער נישט גענוג מוטיק, דער בלייבט אין זיין עלענט און וועט אונטערגיין גייסטיק, מאראליש און אויך קערפּערלעך."

קיעוו, דאס דאמאלסדיקע וווין־ארט פֿון שלום עליכם האט געהאט אן איין־איינציקן דעלעגאט אין באזעל — פראפֿעסאר מאקס מאנדעלשטאם, וועלכער איז געווען א פאליטישער ציוניסט און אן איבערגעגעבענער פֿריינט פֿון הערצלען. אייניקע וואכן נאכן ערשטן קאנגרעס האט פראפֿ. מאנדעלשטאם געהאלטן אויף א קיעווער פארזאמלונג א צוויי־שעהדיקן רעפֿעראט איבער באזעל און האט אפּעלירט צו דער יידישער אינטעליגענץ זיך אנצושליסן אין דער ציוניסטישער באוועגונג. די דאזיקע רעדע האט אינספּירירט א סך צוהערער, צווישן זיי אויך שלום עליכם.

דעלעגאציעס פֿון פֿארשידענע שטעט אין רוסלאנד זענען געקומען קיין קיעוו, כדי צו הערן פֿון פראפֿ. מאנדעלשטאם, וואס ער האט צו דערציילן וועגן הערצלען און וועגן ערשטן ציוניסטישן קאנגרעס. ער האט זיי געזאגט, אז דער ציוניזם פֿון הערצלען וועט באפֿרייען די יידן פֿון דעם עלענט און וועט צוריקברענגען דאס יידישע פאלק זיין אמאליקן גלאנץ. אין דער צייט ווען אחד־העם האט גאר נישט געוואלט הערן און וויסן וועגן דעם פאליטישן ציוניזם, האט פראפֿ. מאנדעלשטאם באגייסטערט א טייל פֿון די יידן אין רוסלאנד פאר א יידישע מדינה.

שלום עליכם, וועלכער האט געהערט צום נאענטן קרייז פֿון פראפֿ. מאנדעלשטאם, האט רעדאגירט און איבערזעצט די רוסישע רעדע אויף יידיש. די דאזיקע איבערזעצונג פֿון פראפֿ. מאנדעלשטאמס רעפֿעראט איז דערשינען אין א בראשור פֿון 20 זייטן אין פֿארלאג „אחיאסף" אין ווארשע און איז פֿארקויפֿט געווארן צו 11 קאפּיקעס. אומעטום ווו מען האט נאר גערעדט יידיש, איז די בראשור פארשפרייט געווארן דורך דער ציוניסטישער ארגאניזאציע, און אזוי איז שלום עליכם געווארן דער פֿארמיטלער צווישן די יידישע מאסן פֿון מזרח און דעם פֿאליטישן ציוניזם. ער, וועלכער איז שוין געווען פאפּולער און באליבט, האט געפֿונען די ריכטיקע שפראך צו די איינפאכע יידן. די בראשור איז אפֿט פארגעלייענט געווארן אין בתי־מדרשים און אויף פארזאמלונגען און האט געשטארקט די האפֿענונג פֿון די יידישע מאסן. אט דאס איז טאקע געווען דער ציל פֿון שלום עליכמען און מאנדעלשטאמען.

שלום עליכם איז געווען דער לאכנדיקער פראפּאגאנדיסט פֿון ציוניזם. מיט לאכענדיקע טרערן אין די אויגן זענען א סך פֿון זיינע לייענער געווארן ציוניסטן. ווי אזוי האט שלום עליכם אגיטירט פארן פאליטישן ציוניזם?

אין זיין בראשור „צו וואס דארפֿן יידן האבן א לאנד?" (אחיאסף, ווארשע, 1898) איז שלום עליכם געווען באגייסטערט אויף זיין אופן פֿאר א יידישער מדינה. ער ענטפֿערט באלד אויף דער פֿראגע פֿון דער בראשור: „וואס איז עס פֿאר א שאלה? פארוואס זאלן גראד די יידן נישט דארפֿן קיין לאנד?" פֿאר שלום עליכמען איז דאס יידישע פראבלעם געווען א וווינונגס־פֿראגע. דאס יידישע פֿאלק האט פֿארלוירן מיטן חורבן פֿון ירושלים זיין היים — זיין אייגענע וווינונג. יידן האט מען אין גלות ארויסגעשיקט פֿון איין וווינונג אין דער אנדערער. איצט איז מען צוזאמענגעקומען אין באזעל כדי צו לייזן די וווינונגס־פראגע.

שלום עליכמס בראשור איז באשטעטיקט געווארן דורך דער צענזור און

איז שטאַרק פֿאַרשפּרייט געוואָרן. זי איז געוואָרן אַ טעקסט־בוך פֿון ציוניסטישן א״ב אין מזרח. די ציוניסטישע פּרעסע האָט אויך אָפּגעשאַצט די בראשור און פּראָפֿעסאָר מ. בערקאָוויטש, הערצלס העברעאישער סעקרעטאָר, האָט אין „די וועלט״ געשריבן, אַז שלום עליכמען איז עס געלונגען צוצוטראָגן די יידישע מאַסן די פּרינציפּן פֿון ציוניזם מיט אַ וווּנדערבאַרער סטיליסטישער פֿרייהייט פֿון שפּראַך און אינהאַלט.

טעאָדאָר הערצל האָט אויך פֿאַרעפֿנטלעכט אין זיין צייטונג „די וועלט״ איייניקע הומאָרעסקעס פֿון שלום עליכם, אָבער הערצל דערמאָנט אים נישט אין זיין „טאָגבוך״.

מיט יאָרן צוריק האָב איך געפֿונען אַ בריוו פֿון הערצלען צו ד״ר ס. ווערנער, רעדאַקטאָר פֿון „די וועלט״ אין ווין. ד״ר ווערנער האָט געשיקט צו הערצלען אַרטיקלען און מאַטעריאַל פֿאַר די קומענדיקע נומערן פֿון „די וועלט״ און געפֿרעגט הערצלען, צי ער קאָן דאָס פֿאַרעפֿנטלעכן. דעם 17־טן יאַנואַר 1904 האָט הערצל געשריבן צו ווערנערן״ ליבער פריינט. די סצענע פֿון שלום עליכם קענען מיר אומבאַדינגט נישט ברענגען. איך בעט איך, שיקט גלייך צוריק דעם מאַנוסקריפּט״. עס איז היינט שווער צו זאָגן, וועגן וועלכער סצענע עס האָט זיך געהאַנדלט — מעגלעך וועגן אוגאַנדאַ.

אַדאַנק „די וועלט״ און אַנדערע ציוניסטישע צייטונגען איז שלום עליכם פּאָפּולער געוואָרן אין מערב. אויף ציוניסטישע פֿאַרזאַמלונגען האָט מען אַלץ מער און מער געלייענט זיינע הומאָרעסקעס. אויב דער נאָמען שלום עליכם איז געווען אינעם פּראָגראַם, איז דער דערפֿאָלג פֿון אַן אָוונט געווען געזיכערט. שלום עליכם אָבער האָט נישט נאָר געוואָלט פֿאַרווײַלן די יידן, נאָר אויך זיי עפּעס לערנען. ס׳איז ביי אים תמיד געווען אַ מוסר השכל.

אין „מה נשתנה״ פֿרעגט שלום עליכם אַ סך קשיות. „פֿאַרוואָס קענען מיר אַזוי גוט די געשיכטע פֿון אַלע פֿעלקער, מיטן אויסנאָם פֿון דער געשיכטע פֿון אונזער אייגענעם יידישן פֿאָלק?״ — „פֿאַרוואָס זענען מיר אַזוי היימיש אין דער געאָגראַפֿיע פֿון אַלע לענדער — מיטן אויסנאָם פֿון איין לאַנד, פֿון ארץ ישראל?״

ווען הערצל איז געשטאָרבן, האָבן קיעווער יידן פֿאַרמאַכט זייערע געשעפֿטן און האָבן זיך פֿאַרזאַמלט אין די בתי־מדרשים. דעמאָלט האָט שלום עליכם געזאָגט: „איז עס אמת, אַז ישראל האָט קיין מזל נישט?״ זיין בראָשור „טעאָדאָר הערצל״ האָט מען געלייענט אין מזרח און האָט געווירקט אויף די יידישע מאַסן.

„איז עס אמת, אַז ישראל האָט קיין מזל נישט״ — האָט מען באַלד ווידער געהערט. אין קיעוו זענען פֿאָרגעקומען פּאָגראָמען (1905). שלום עליכם האָט געשיקט פֿאַר אַ צייטונג אין ניו־יאָרק באַריכטן און אַפּעלן. ס׳איז געווען אַן אַנדערער שלום עליכם אויס מיט לאַכן און נאָר שרעק און טרערן פֿון ליידן. אין זיינע אַרטיקלען האָט שלום עליכם „נבואה״ געזאָגט, אַז עס וועט קומען אַ צייט און די רוסן וועלן מיט טרערן אין די אויגן לייענען די געשיכטע פֿון יענע טעג. די רוסן — אַזוי האָט שלום עליכם געשריבן — וועלן בעטן אַנטשולדיקונג ביי די יידן. זיין נבואה איז לײַדער נישט מקוים געוואָרן.

שפּעטער פֿאַרלאָזט ער קיעוו און אין זיין טורנײַ איבער אייראָפּע האָבן אים אַלע ציוניסטן טריאומפֿאַליש אויפֿגענומען. אים צו זען זענען געקומען אַלע — ציוניסטן, סאָציאַליסטן, טעריטאָריאַליסטן, בונדיסטן און רעליגיעזע יידן — און אַלע האָבן געוואָלט געניסן פֿון זיין מעדיצין: לאַכן איז געזונט.

יעדע נייע ציוניסטישע ביבליאָטעק האָט קודם כל באַשטעלט שלום עליכמס ווערק אין יידיש אָדער אין איבערזעצונג. אין ציוניסטישע לאָקאַלן. אין מזרח און אין מערב, איז געהאַנגען שלום עליכמס בילד, אַרויסגעגעבן דורכן קרן קימת.



אַמאָל האָט מען שלום עליכמען פֿיל געלייענט, מער ווי י. ל. פּרץ. ער איז געבליבן דער ליבלינגס־קלאַסיקער פֿון דעם יידישן פֿאָלק. ווערט ער אויך היינט פֿיל געלייענט? ווי האָט אַמאָל געפֿרעגט שלום עליכם: „פֿאַרוואָס קענען מיר אַזוי גוט פּושקין, לערמאָנטאָוו, גאָגאָל, גאָרקי און טאָלסטאָי און מיר ווייסן גאָר נישט וועגן יהודה הלוי, לעווינסאָן, לעוואַנדאַ און מענדעלע מוכר ספֿרים?״.

## ש. גאָלדשמידט

## שלום-עליכם נאָך 50 יאָר

הומאָריסטן זיינען זייער זעלטענע דערשיינונגען אין ליטעראַטור, און ריינע הומאָריסטן — נישט קיין סאַטיריקער נייערט הומאָריסטן ממש — זיינען נאָך זעלטענער. איר קענט זיי אויסציילן און איר וועט קיין פֿולע צוואַנציק נישט האָבן. גאָגאָל, מאַרק טווין, דזשעראָם־קיי־דזשעראָם און אונזער שלום־עליכם זיינען אין דער קאַטעגאָריע.

הומאָריסטן פּראָטעסטירן נישט און קלאַפּן נישט קיין טרעוואָגע; זיי זידלען זיך נישט און זיינען נישט אין כעס. אמת׳דיקע הומאָריסטן מאַכן חוזק. זיי שאָקלען מיט דעם קאָפּ אויף די נאַרישקייטן די אומגעלומפּערטקייט, די אומגלויבליכע אידיאָטישע האַנדלונגען פֿון זייערע מיטמענטשן — דאָס הייסט נישט אַז הומאָריסטן זיינען ציניקער און שטייען מן הצד. לאו דווקא. אָבער זייער וועג איז דער וועג פֿון אָפּלאַכן און אויסלאַכן — אָפּטמאָל איז דער געלעכטער פֿאַרמישט מיט טרערן — טרערן און געלעכטער זיינען שכנים און שותּפֿים אין אונזער גוף און אין אונזער נשמה ..

לאַכן איז געזונט, פֿלעגט שלום־עליכם זאָגן. אָבער נישט אַלע קענען לאַכן, און זייער ווייניקע האָבן דעם כּוח צו מאַכן אַנדערע לאַכן. איינער אַזאַ איז געווען אונזער שלום־עליכם.

ס׳שיינט צו זיין אַ פּאַראַדאָקס. אָבער שלום־עליכם איז געווען אַ וועלטליכער הומאָריסט און נישט קיין יידישער. ער איז געווען אַ אוניווערסאַלער שרייבער.

עס איז טאַקע אמת, אַז שלום־עליכם איז געווען אַ יידישער ייד. כמעט אַלע זיינען טיפּן זיינען יידן. זיין היים איז געווען דער תּחום המושב אין צאַרישן רוסלאַנד און אַנדערע יידישע צענטערס. זיינע וואָרצלען הערגרייכן די סאַמע טיפֿענישן פֿון אונזער רעליגיעזער, נאַציאָנאַלער און שפּראַכליכער טראַדיציע. זיין שרייבערישער נאָמען איז אַ פּערל פֿון יידישן פֿאָלקלאָר. און פֿונדעסטוועגן — פֿונדעסטוועגן איז ער אַ אוניווערסאַלער שרייבער. מענטשן לייענען אים און האָבן הנאה פֿון אים נישט נאָר צווישן יידן נייערט אין כינע און בראַזיליע, שוועדן און מאָנגאָליע, האָלאַנד און איטאַליע, שוין אָפּגערעדט פֿון נישט־יידישע לעזער אין ענגלאַנד, אַמעריקע און פֿראַנקרייך, רוסלאַנד, פּוילן און אונגאַרן, רומעניע, טשעכאָסלאָוואַקיי און שפּאַניע.

שלום עליכמס טיפּן זיינען מענטשן און נישט נאָר יידן. אין דעם באַשטייט זיין גרויסקייט און מיט דעם טיילט ער זיך אויס פֿון אַנדערע הומאָריסטן ביי יידן, וואָס האָבן נישט דערגרייכט זיין מדרגה. טונקעלערס טיפּן זיינען יידן. י. ל. פּרץ׳ס טיפּן זיינען יידן. חיים טאַוווריסעס טיפּן זיינען יידן, אָבער נישט שלום־עליכמס. זיי זיינען יידישע מענטשן, און דער חילוק איז זייער אַ גרויסער.

מנחם מענדל האָט אָפּערירט אויף דער בירזשע אין יעהופּעץ. די לאָנדאָנער בירזשע און וואָל־סטריט האָבן נישט זוכה געווען אים צו האָבן אַלס מיטגליד. אָבער בעצם זיינען אַלע מעקלערס אויף אַלע בירזשעס מנחם־מענדלס. אין תּוך זיינען זיי אַלע ווי ער. זיי לויפֿן אַרום ווי ער, שמייען פֿון איין עסק צום צווייטן, קויפֿן עפּעס, וואָס זיי זיינען נישט בכוח צו זען, שלאָפֿן רואיקער מיט איין מין אַקציעס אין פּאָרטפֿעל איידער מיט אַן אַנדער מין — הכלל אַזוי ווי אונזער אייגענער מנחם־מענדל. אַלאַ וואָס, זיי האָבן מער

מזל און בעסערע תנאים, און זיי פארן אהיים יעדן אונט, דארפן זיי ניט שרייבן קיין לאנגע בריוו אזוי ווי מנחם מענדל. דאס הייסט ניט, דרך אגב, אז זיי האבן בעסערע ווייבער איידער שיינע־שיינדל.

אדער נעמט טביה דעם מילכיקן. ער איז א ייד מיט אלע זיינע רמח אברים און דאך איז ער א אוניווערסאלער טיפ. זיינע דאגות זיינען מענטשליכע און ניט קיין ספעציעל־יידישע — ווער האט ניט קיין דאגות פון טעכטער? פון קעניג ליר ביז מיין שכן — אלע האבן עניינים און פלאגענישן מיט טעכטער. מיר לייענען אפט אין די צייטונגען וועגן יונגע מיידלעך, וואס האבן חתונה מיט עלטערע מענטשן, אזוי ווי צייט האט געהאלטן ביים טאן. אין דעם פרט האט טביה געהאט מער מזל. ער האט עס אפגעשריען און צייט האט סוף כל סוף חתונה געהאט מיט אים חתן דעם שניידער. אבער עס האט געפעלט א האר . .

און ווער האט ניט געהערט וועגן יונגע מיידלאך, וועלכע פארליבן זיך אין קאמוניסטן און האבן צרות מיט דער פאליציי צוליב זייער יונגענמאן?

אפילו שימעלע סאראקער פירט זיך ווי אלע אויפגעקומענע גבירים פון אלע פעלקער. מיר לייענען אפט וועגן דעם לעבנסשטייגער פון די, וועלכע געווינען אין לאטערייען.

ער איז אפילו מער מענטש ווי אנדערע געווינער, ער טרינקט ניט. נעמט איך לעמאנאד, נעמט איך נאך לעמאנאד" — זאגט ער זיינע געסט. קיין בראנפן גיט ער זיי ניט און טרינקט אליין ניט . .

מאטל פייסי דעם חזנס איז אוודאי א אוניווערסאלער טיפ. א יתום. אלע האבן רחמנות אויף אים אבער נאר ווייניקע ווילן עפעס טאן אים צו העלפן. און דאך די פרנסות, איבערפראדוקציע איז דער אומגליק.

מיר האבן וועגן דעם געהערט און מיר הערן נאך אלץ. איבערפראדוקציע. צופיל טינט, צופיל פראשקעס פאר מייז.

דאס איז אונזער עקאנאמישע וועלט אין קאריקאטור. עד היום שיט מען קאווע אין ים אריין. מאטל און זיין ברודער אלי האבן ניט געהאט קיין ים, האבן זיי אויסגעגאסן דעם איבעריקן טינט אין קאנאווע און אפגעפארבט די צוויי ווייסע ציגן אויף שווארץ. עס איז זיי ניט געגאנגען, און זיי האבן אפילו ניט געקענט באנקראטירן, היות קיינער האט זיי ניט געטרויט.

מנחם־מענדל, טביה און מאטל: איר טרעפט זיי היינט אויף אלע בינעס. אפט מישן זיי זיך איינער דעם צווייטן אונטער די פיס און ריידן אלע צוזאמען. טביה זינגט שוין אפילו אין „פידלער אויפן דאך". טביה — וועלכער האט קיינמאל ניט געזונגען קיין אנדער טאן ווי תפילות — אין א מוזיקאלישן ספעקטאקל! וואס וואלט ער מכוח דעם געזאגט?

דער הומאניסט אין שלום־עליכם איז אפטמאל ארויסגעקומען אויף א דירעקטן אופן.

שפאצירנדיק אויף א ניו יארקער גאס האט ער באמערקט א שווארץ קינד, אפגעריסן און אפגעשליסן, הונגעריק און שמוציק, אויסגעמאגערט און פארוואָרלאזט. האט ער זיך אפגעשטעלט, אנגעוויזן אויפן קינד מיטן שטעקן און באמערקט:

„מיר זיינען ניט די איינציקע אין גלות" . .

מען דערציילט אז שלום־עליכם און מארק טווין האבן זיך געטראפן אין ניו יארק. דאס איז מעגליך. שלום עליכם איז דאס ערשטע מאל געווען אין אמעריקע אין 1906. מארק טווין איז געשטארבן אין 1910. הכלל, שלום עליכם האט זיך פארגעשטעלט:

„איך בין דער יידישער מארק טווין".

אויף דעם האט דער גרויסער אמעריקאנער שרייבער געענטפערט:

„אה ניין, איך בין דער אמעריקאנער שלום עליכם".

דער אמת איז אז זיי זיינען ביידע געווען גערעכט.



# שלום עליכם

## די געפערלעכע מצה

אמאל איז געווען א מלך. דער מלך איז געווען א גרויסער און א שטארקער, נאר ער האט נישט ליב געהאט קיין יידן, האט ער ארויסגעגעבן אלע מאל אויף זיי נייע גזירות, ווי פרעה מלך מצרים.

איינמאל — פסח איז דאס געווען — האבן זיך צונאויפגעקליבן ביי אים אין סענאט אלס מיניסטארן און ער האט זיך אוועקגעזעצט טראכטן, וואס פאר א נייע גזירה זאל מען ארויסגעבן אויף די יידן?

יידן זאלן ניט טארן זיצן אומעטום— איז שוין דא, יידן זאלן ניט טארן זיין קיין אפיצירן — איז שוין דא. יידישע קינדער זאלן ניט טארן לערנען אין די גימנאזיעס — איז שוין דא.

איז איינעם איינגעפאלן, ער זאל ארויסטרעטן קעגן מצה. איז ער ארויס מיט א מסירה — אזוי און אזוי. דיינע יידעלעך, אז עס קומט פסח באקן זיי אן אויף אכט טעג כסדר אזעלכע טרוקענע קיילעכיקע קארזשעקלעך, וואס מע רופט זיי מצה. ווער ווייסט, וואס דאס איז פאר א מין מאכל! עס וואלט געווען מער ווי רעכט מע זאל זיי פארבאטן עסן מצה.

האט זיך דער מלך פארטראכט און האט ארויסגעגעבן א באפעל, מע זאל אים ברענגען א מצה. . .

האט מען זיך צעלאזט איבער דער הויפטשטאט זוכן א יידן, נאר מע האט נישט געקאנט געפונען קיין יידן. און אז מע האט געפונען א יידן און געגעפאדערט פון אים א מצה פארן מלך, האט ער געשווירן אז ער עסט ניט קיין מצה. (די יידן האבן פארשטאנען אז דא מוז זיין א נייע גזירה).

קוים מיט צרות מיט לייד האט מען געפונען א יידן, וואס האט ניט מורא געהאט אויסצוזאגן, אז ער עסט מצה. און מע האט גענומען ביי אים א מצה און ער האט געבראכט די מצה אין סענאט פאר'ן מלך.

דערזען די מצה, איז זי דעם מלך געפעלן געווארן, און ער האט זי פארזוכט און שטיקלעכווייז געגעסן — געגעסן, ביז ער האט זי אויפגעגעסן.

און אז ער האט זי אויפגעגעסן, האט זיך דער מלך געפילט נישט גוט. און אלע מאל ערגער און ערגער. און אז ס'איז אים געווארן גוט שלעכט, האט מען אראפגעבראכט די בעסטע דאקטוירים מיט די גרעסטע פראפעסארן פון לאנד, און זיי האבן אויסגעפונען אז ביים מלך אין בויך געפינט זיך עפיס א זאך, וואס טוט אים צום טויט.

האט דער גרעסטער פון די פראפעסארן צוגעלייגט אן אויער צום מלכ'ס בויך און גענומען זיך צוהערן. הערט ער, ווי עמיצער זינגט דארטן. רופט ער זיך אן צום מלך: „אדוני קעניג! אויב דו וועסט מיר דערלויבן, וועל איך זיך דורכרעדן מיט דעם, וואס געפינט זיך ביי דיר אין בויך . ." זאגט צו אים דער מלך: „רעד". רופט זיך אן דער פראפעסאר צו דעם וואס ביים מלך אין בויך: "זאג מיר, ווער ביזט דו?" ענטפערט אים יענער: „איך בין א ייד." „וואס טוסט דו דא?" „גארנישט". „אפשר וואלסטו דו ארויס?" „איך וויל נישט". „פאר וואס?" „דאס איז מיין עסק". "גייסט דו ארויס, באקומסט דו א מתנה". „מיר ווייסן שוין וואסער א מתנה; מע שיקט מיך ארויס אין פייער און צוואנציק שעה". „פאר וואס?" „דערפאר וואס איך בין א ייד, און א ייד טאר דא ניט זיין." „אבער אז מע וועט דיר צוזאגן, אז דו מעגסט דא זיין?" „מיר אליין איז בלאטע; איך וויל, אז אלע יידן זאלן דא מעגן זיין".

פונם דאזיקן שמועס האט דער מלך געפילט זער נישט גוט. דער ייד האט גערעדט מיט הענט און מיט פיס און מיט אלע אברים, און דער מלך האט געמיינט אז ס'איז אן עק פון זיין לעבן. האט ער אנגעהויבן בעטן ביי די פראפעסארן זיי זאלן זען מאכן אן עק. רופט זיך אן דער עלטסטער פון די פראפעסארן צו דעם וואס ביים מלך

אין בויך: „דער מלך זאגט דיר צו, דו וועסט דא מעגן זיין וויפל דו ווילסט.״ ״האב איך דאך געזאגט שוין, אז פאר מיר אליין איז בלאטע; איך וואלט וועלן אז אלע יידן זאלן מעגן״. „גוט, אלע יידן וועלן מעגן, אבי גיי־ארויס וואס גיכער״. „ווער זאגט דאס?״ „דאס זאגן מיר, דאקטוירים, נאר אזוי איז דער ווילן פונם מלך״. „פון וואנען ווייס איך דאס?״ „האסט דאך געהערט, ווי דער מלך זאגט״. „דער מלך זאגט — דאס איז נאך אלץ ווייניק. איצט, אז סע טוט אים וויי, זאגט ער; שפעטער, אז ס'וועט אים אויפהערן וויי טאן, וועט ער זאגן עפּיס אנדערש. אזוי ווי פרעה מלך מצרים.״ „ייאס'זשע ווילסטו?״ ״וויל איך, ער זאל עס חתמ'־ענען, ארויסגעבן אויף פאפיר, דורכ־פירן דורכ'ן סענאט״...

און דער ייד, וואס ביים מלך אין בויך, האט גענומען אזוי שטארק ווארפן מיט הענט און מיט פיס, אז דער מלך האט שוין מער ניט געקאנט איבער־טראגן די ווייטאקן. האט ער געהייסן, מע זאל צונאויפרופן די מיניסטארן און מע זאל אנשרייבן א פאפיר, צו־לייגן דעם מלכ'ס חתימה און דורכפירן דורכ'ן סענאט א נייעם געזעץ, אז יידן מעגן וווינען דא אין דער קרוינ־שטאט און אומעטום אין'ם גאנצן לאנד פראנק און פריי — והכל שריר וקיים.

און ווי נאר דער ייד האט דאס דערהערט, האט ער זיך געגעבן א שפאר ארויס דורכ'ן מינדסטן פינ־גערל פונ'ם מלכ'ס לינקער האנט, זיך פארנייגט פאר'ן גאנצן סענאט און איז גלייך אוועק צו זיינע ברידער זוכן געשעפט.

---

## מזל-טוב

צו דער חתונה פון דר. אלכסנדר אהרן דויטש און גלאריע שיל־ההויז, דעם 27סטן יולי, א הארציקן מזל־טוב דעם יונגען פאר און די על־טערן פון חתן וכלה.

עלא זילבערג

## דער מאגנאליא-בוים

ווי ווייסע טויבן,
די פליגלען צעשפרייט,
די קעפלעך דערהויבן,
צום פליען געגרייט

שטייט דער מאגנאליא
באלאדן מיט בליטן,
א סטאדע פון פויגלען,
א וועכטער אינמיטן.

אזוי שיין און מעכטיק,
פארפירעריש אידל
א יונגע פרינצעסין,
א טאנצנדיק מיידל.

צעגליט זיך דער הימל,
מיט פייערדיק שטראלן,
פאררויטלען זיך קנאספן;
ווי רויזן־קאראלן.

ווי שווער אויפן הארצן,
ווי גרויס אויך די זארגן
דער בוים מיט מאגנאליא
דערפריידט מיך יעדן מארגן.

א בילד פון א קינסטלער,
אין שיינקייט קיין גלייכן;
שיין דאנק ווי א תפילה
זאל צום בורא דערגרייכן!

שמואל וההייט

## ווי א הונגעריקער הונט

ווי א הונגעריקער הונט
וויל איך אלעס פארצערן;
איך וויל ניט וויסן,
אז ס'וועט אליין מיך צעשטערן.
ווער איך אין האסטיקן
יאגן אליין צעריסן ...
איך ראיע אין מיסט,
וואו אלץ איז פוסט און וויסט
און ווי א הונגעריקער הונט —
מיט קריציקע ציינער —
פרעס איך מיינע אייגענע ביינער . .



רבקה קאפע

## ר א מ א נ ס

ווען איך וואלט א פייגעלע זיין אויף דער פריי,
וואלט איך אין באגין דיין פענצטער באזונגען.
איך וואלט אין מיין שנעבל א זאנג דיר געבראכט
און וואלט אויף דיין דאך זיך א נעסט מיר געמאכט.

איי, ווען ס'וואלט א פייגעלע זיין מיר באשערט,
געזונגען כ'וואלט אויך אין דיינע חלומות.
כ'וואלט דיך געוועקט, פאר דיין וויע געפליגלט
און וואלט מיט א זונזאנג דיין אויג אויפגעזיגלט.

און וואלט איך א פישל אין וואסער געווען,
וואלט איך פון דיין אויג מיר מיין טייכל געמאכט.
געווען וואלט איך נאנט צו דיינע פארלאנגען
און זיך געלאזט אין דיין ווענטקע מיך פאנגען ...

וואלסט דו כאטש געוועזן א פערעלע קליין,
וואלט איך מיט מיין גלוסט געקאנט דיך פארשלינגען.—
נאר וואס טויג מיר א בארג וואס גייט איבער וועלט,
וואס טויג מיר א ראמאנס ־ און ווייט פון מיין העלד ?!

יוסף לעפטוויטש

## אין דעם לאנד ישראל

דער ראטשילד־בולעוואר אין תל־אביב
איז דורכן מדבר געקומען אהער.
און צו אונז וואס זענען דעם וועג געגאנגען
האט משה גערופן — הער!
איר זאלט געדענקען לך־לך
מיינט נישט איר זענט געווען אייביק דא.

אז איר גייט אין אלענבי זאל פאלן אייער טריט
ווי ס'וואלט געווען מדבר־זאמד אין דער מיט.
איר זאלט ניט פארגעסן דעם וועג אהער,
ווי ס'איז אייך געגאנגען שווער,
ווי איר האט געשווירן ביים בארג סיני דארט:
מיר וועלן געדענקען, מיר וועלן האלטןווארט!

דאס איז ניט אייער לאנד — ס'האט אייך גאט געגעבן,
אז איר זאלט דינען אייער גאנץ לעבן.
אבער טאמער הויבט איר זיך אן צו גרויסן,
וועט גאט מיט א שטארקער האנד אייך ארויסשטויסן.

איר זענט ניט געקומען דא צו זיין פריי,
נאר קנעכט צו זיין ביי גאט אדוני.
איר זאלט ניט זיצן ביי אייערע טישן מיט פלייש,
נאר נאכגיין גאטס עמוד־אש.

# א. נ. שטענצל

## „ביי דער קו אונטערן עק"

דער בעל־הבית פון דער דארף־שענק, „ביי דער קו אונטערן עק", האט זיך לגמרי גארנישט טועה געווען אין דעם פארשוין מיטן פאררוקטן „פעט" הויך אויפן קאפ, מיט דער ארויסשפארנדיקער, צעפלאשעטער קוטשמע פון אונטערן דאשעק. וואס איז איבערגעבליבן זיצן שפעט ביינאכט אין דער שענק ביים עק־טיש דערנאך, ווען אלע — אפילו די לעצטע! — זענען שוין אהיימגעגאנגען, ווער זונטאגדיק האלב־פארשנאשקעט און ווער שוין האלב־וואקלדיק; דער לעצטער, אין דער לידיקער פינסטערער גאס, מיט זיך קריגנדיק און צו זיך ריידנדיק: „מיט מיין רעבעקא, מיין בעקא, וויל ער זיינע פארגלייכן .. כאט פארדאמע . מיין בעקא"..

„ביי דער קו אונטערן עק", דאס איז נישט נאר א דארף־שענק, וואס א גאנצן ווינטער שטינקט מען זי אן מיט די רויכערנדיקע פייקעס, מען זופט פויל פון גלעזל און זומער נאכן הייסן טאג ארבעט קומט מען נאס מאכן דעם טרוקענעם גארגל. זונטאג נאך דער שוין צוגעגעסענער, זיסלעכער קירכן־פרעדיק, וואס קריכט שוין פון האלז ארויס צוזאם מיטן פעטן איבערגעשמאלצענעם קלויזקעס־מאכל, וואס דריקט ביים מאגן און קוועטשט ביים הארץ, קומט מען אהין אראפשווענקען מיט נאך א גלאז וואסערדיקן ביר און נאך א גלאז און ווען ס'גייט שוין איבערן לב אינעם, טרינקט מען חבריש א כוסה און מען זינגט בחברותא „מאי ווער פאן דאך, מאי ווער ווער פאן דאך מאי ווער"

„ביי דער קו אונטערן עק" איז געווען, אזוי צו זאגן, דער קלוב פון דארף! דא האט מען אויסגעקעמפט דאס גבאות אין דארף־קירכעלע, דער דארסראט באשטימט, די „ברידערשאפט" — שמחות געפראוועט, די זשניווע־הויך אויסגעקעמפט.

אויבן אן ביים שפיץ טיש — נאנט צו די פעסלעך ביר און די בראנפן־פלאשן, א שריט צו דער טאשעוואניע, וואו ס'זענען געשטאנען די „לעקער"־שיסלען מיט פארבייסעכצן — אונטערן העגנגלאמפ איז געווען דער שטאם־פלאץ, דער „מזרח" פון די „שטאם־בוך"־פויערם. זיי האבן געגלאנצט מיט די דיוויסקעס און מיט די קיילעכדיק־צעגלאנצטע פנימער אינם רויך פון זייערע פאפנדיקע פייקעס, לאנגע ציבוקעס, פארצעלאנענע, געמאלענע, און אזוי ביז אראפ צו פון ביידע זייטן טיש, ביזן ארעמסטן פויערל פון דארף וואס ס'האט זיך שלעכט געשפירט פון אים און פונם ביליקן טאבאק אין זיין הילצערן פייקעלע, אליין זיך פארשניצטן. געשמועסט האט מען אין צווייען, מיטן שכן ביי דער זייט אדער וויז־א־ווי קייגנאיבער אויף דער באנק. אבער אויסגעזעסן האט עס ווי אלע דא צוזאם וואלטן געזיצן ביי איין זיצונג, ביי א באראטונג, באהאנדלט א וויכטיקן דארפס־ענין אדער גאר להבדיל, ווי אין בית־מדרש דער עולם זיצט ארום טיש ביים „בלאט".

א קנעכט, א מעלקער, א שטאלארבעטער האט זיך געטרונקען זיין גלאז־ביר שטייענדיק ביחידות אדער זיך צוגעזעצט אויף דער באנק ביי דער וואנט מיט נאך איינעם, און ווען אים איז געווען אנגעזאליעט אויפן הארץ, האט ער זיך געקענט גאנץ פיין אזוי אנשיכורן, אז ס'זאל אים נישט איבערבלייבן פון די שכירות אויף א פעקל קיי־טאבאק. אבער שטיל, אן קולות, אן געשרייען, העכסטנס אין זיך אריינברומענדיק און צו זיך ריידנדיק.

דער פאטער פון איצטיקן שענקער איז נאך געווען דער גאנצער „וועטערינאר" פון דארף. אויפגעשטאכן אונטערן האלז, אונטער די ריפן, אז א קו האט זיך געהאט איבערגעפרעסן, געפראכט און געהאלטן שוין ביים גוססן, צורעכט געמאכט אן אויסגעלענקטן פוס אפגעזאגט א צעבראכע־



נעם הארן, געשמירט מיט זאלב א פאראייטערטע מכה, א פארפארכטע אייטער, געגעבן ביטער־זאלץ איינצונעמען, געצעהט ביים קויפן און פארקויפן א יאלעווקע, קאסטרירט א יונג ביקל, אפילו נאך געהאט א שפרוך ביי א נישט־מעלקענדיקער קו ..

ביים אפנעמען א קעלבל, ביי א שווער האבן, איז ער ממש געווען א מומחה.

אצינד, זייט דער וועטערינאר, דער דאקטאר, וואוינט אין דערווענטער, איז דאס אלץ פארווערט; ביי יעדער קלייניקייט מוז מען כאפן דעם „פיץ" און פליען צום דאקטאר. יעדע קו פון דארף איז מיט איר נאמען איינגעשריבן ביי אים אין א גרויס בוך ווי א פאציענט, ווי א מענטש, להבדיל. פארן האבן, פארן טראגן, מוז מען לויפן צום דאקטאר און מען מוז גענוי אנגעבן ווער דער טאטע איז — דעם נאמען פונם ביק, ס'זאל חלילה נישט געבוירן ווערן קיין ממזר .. און דערנאך הייבט זיך אן די סדרה מיט די פלעשלעך און יעדעס פלעשעלע האט אן אנדער בלעטעלע אויפגעקלעבט, מיט אן אנדער קאליר: פאר דער מילך, פאר דער השתנה און „איר זאלט מיר מוחל זיין, פאר דער צואה, פארגעבן" .

דאס קעסטל „דאקטאר"־כלים פונם פאטער האט ער נאך בירושה דער איצטיקער שענקער, און ער באנוצט עס נאך אמאל אבער בגנבה און בשעת הדחק.

ווען א קו האלט ביים דערשטיקט ווערן, ביים גוססן, לויפט מען צו אים אריבער אין שענק ער זאל טעלעפאנירן נאכן דאקטאר, אבער ביז וואס־ווען לעקט שוין ס'קעלבל א גארשט זאלץ פון זיין האנט און די מאמע־קו באלעקט עס שוין מיט איר ווארעמער צונג, מיט א לאנגער, אויסגעצויגענער.

דער שענקער האט אויך א קישטאל. נישט קיין סך שטייען ביי אים אין שטאל, אבער די פאר, וואס ער האט זענען מאדעלן. יעדע האט אהיימגעברענגט א מאדעל פון אן אויסשטעלונג און ביי א סכסוך אין שענק איבער דער מאס פון א קו־שטערן, די ליניעס פונם רוקן און די ליטקעס, די גרויס פון די אייטער־טארבעס, גייט מען נישט נאר ארויס אין זיין „מאדעל"־שטאל א קוק טון, נאר מען איז זי מטריח די „רעבעקא", אין שענק אריין. מען הייבט אויף דעם לאנגן „מאדעל"־עק מען מעסט, מען שאצט; מען דרייט ארויף דעם בליץ־לאמפ און מען הייבט ווידער אן אויפסניי ביז מען פארטרינקט דעם וועט מיט א פאנדע פארן גאנצן עולם.

דער יומטוב פונם זשניווע־פעסט דאס איז דער טאג פון דער שענק „ביי דער קו אונטערן עק"! נישט נאר איז זיין, דעם שענקערס, מאדעל־קו די אויסדערוויילטע, וואס מען פירט ארום א באקראנצטע מיט בלומען דרויסן ארום די טישן, באליגטע מיט קיכנס און געבראטנס, און דער עולם באיובלט זי, נאר אויך זיינע קארטאפליעס און ווייסע ריבן נעמען אויס תמיד דעם ערשטן פרייז.

דאס איז זיין טאג, דעם דארף־שענקערס! די שפייכלערס, די סטאדאלעס זענען פול נאך שווערע חדשים ארבעט און מי, אקערן און שניידן און דרעשן ווינדשאוולען לאזט מען זיך וואוילגיין. די יוגנט קלעטערט צום שפיץ־דראנג. מען שלאגט זיך אויף פויסטן און די פויערים מיט די פעטע ווייבער זיצן ארום די טישן, שוויצן און לאזן זיך וואוילגיין. ווידער ווערט ארויסגעקוילערט א פול פאס ביר און ווידער אויסגעטרונקען, און ס'אלטווארג נעמט קוילערן די לידיקע פעסער, ווער ס'וועט אנקומען שנעלער — די ווייבעישע בייכער שאקלען זיך פון לאכן. און אין דעם דערהיצטן הארמידער און יום־טובדיקן גערודער דרייט זיך די גאנצע צייט ארום די טישן דער שענק־קנעכט מיט דער באקראנצטער „רעבעקא" אויף א קייט און צו וועלכן טיש זי קומט צו, ווערט זי פריש באיובלט. די „רעבעקא" איז די אטראקציע פונם יום־טוב — דער בער

אויף דער קייטן צווישן דעם צעטומלטן און שמחה־פֿארשיכורטן עולם, איז זי, „רעבעקא“, די איינציקע, וואס קוקט יעדן אין צעהיצטן פנים אריין מיט א פאר מיושבדיק־שטילע אויגן ווי זי זאל פרעגן: שמחה מה זה עושה? דער קנעכט וואס פֿירט זי, גייט קוים אויף די פֿיס, ווייל ביי יעדן טיש איז מען אים ווידער מכבד מיט א הורא און א פריש גלאז ביר.

ווינטער האלטן א קנעכט לוינט זיך אים נישט, דעם בעל־הבית „ביי דער קו אונטערן עק“. דאס מעלקן די דריי קי, דעם אבראק קאכן באזארגט שוין די פרוי. ער שניידט די שעצקע, „מאכט“ די שטאל. אבער אז ס׳קומט פֿרילינג, ווארט ער שוין אויף א פֿארלוירענעם פארשוין, א קנעכט פֿון א צעקריגטן בעל־הבית דא אין דארף, אן אנטלאפֿענעם פון ערגעץ פֿון א נישט־געלונגענער ליבע. סתם א בארטאק, א פוילאק פֿון איבער דער גרענעץ, א מאטראז צי גלאט אזוי א פארקומענעם ליידיגייער, עס איז נישט נאר די פרילינג־ארבעט, וואס ברענט דעמאלט און ס׳איז נויטיק א הילף, א האנט. עס איז דער עיקר — „די גרוב“!

די גרוב פֿון שענק איז אן אוצר, א גאלד־גרוב! מענטשלעכע השתנה, מענטשלעכע צואה, דאס איז די בעסטע באמיסטיקונג. דאס ברויך מען נישט ערשט לערנען פֿון די ביכער, מען ברויך נאר א קוק צו טון אויף זיינע צוקער־ריבן אקערס און קארטאפֿל מארגעס ווען זיי שטייען נאך אויפֿן פעלד. אויף די זונטאג־שפאצירן און גייענדיק פֿון קירכעלע, בלייבט מען שטיין באוואונדערן. און טאקע זיי, די קארטאפֿל און די ווייסע צוויקל, נעמען אויס די ערשטע מאדעלן ווי זיין מאדעל־קו „רעבעקא“.

די השתנה פון די טרינקערס א גאנצן ווינטער שטייט זיך אפּ אין גרוב ווי דער יונגער וויין אין וויין־פעסער; זי שוימט ווי א גוטער מאזל־וויין; א זאפּט, וואס די ערד זאפּט אים איין ווי א הייס געטראנק — זי ווערט שכור, די ערד, פֿון דעם טרינק! וויפֿל א שטאמגאסט לאזט נישט איבער ביים צאלטיש איבערן ווינטער, דאס וואס ער לאזט אין שטיבל איבערן גרוב האט מער די ווערט ..

● ● ●

ווען איך בין אראפּגעקומען פון הייבוידעם אן אויסגעשלאפֿענער, מיט א קלארן קאפּ, מיט הייעלעך, שטיקלעך שעצקע אין מיינע צעשויבערטע האר, שטייענדיק א געבויגענער ביי דער פלומפ מיך וואשנדיק, איז דער בעל־הבית ארויסגעקומען א פֿארקאטשעטער אין א שמוציקער שירץ און א בעזעם אין האנט: „הא, זיך אויסגעביקעוועט .. אריינגעכאפּט יענע זיסע חלומות פון די „מיישיעס“?

נישט ווי א בעל־הבית, ווי א „באס“, האט ער צו מיר גערעדט, נאר ווי אן אייגענער מיט אן אייגענעם; מיט א האטעל־גאסט; וואס מאכט זיין טואלעט, אראפּקומענדיק צום פֿרישטיק .. אבער פֿון זיינע אויגן — מיך שארף אנקוקנדיק, צו כאפּן וואסער מין פארשוין דאס איז, צו וויסן ווי מיט אים צו האנדלען — האט שוין ארויסגעלאכט דאס, וואס ער האט שוין געהאט אפּגעמאכט נאך נעכטן ביינאכט ביי זיך: ער איז גאלע ... ער וועט שוין דעם „גרוב“ אויסלעקן מיט דער צונג .. איך ברויך נאר דאס פֿאס מיט דער טאטשקע צוצוגרייטן ..

„קום דאך אריין. וועסט עפּעס צוקייען און מיר וועלן פֿארדרייען א שמועס“...

ער האט מיר אויפֿן זעלבן פלאץ הינטן ביים טיש, וואו כ׳בין נעכטן געזעסן, אנידערגעשטעלט די זעלבע פארציע צוויי לחמאס דיקע שטיקער ברויט מיט פוטער. אבער די פוטער איז נאך געווען דיקער אנגעשמירט ווי נעכטן.

„דער „מעניר“ איז שוין אויפֿגעשטאנען נאכן מארגן־קאפֿע, שוין צום צווייטן פֿרישטיק,“ האט ער מעשה גרויס־שטאטישער קעלנער, מיטן שפּיץ־שירץ אונטערן ארעם, זיך פאר-



בויגן און מיר אנידערגעשטעלט א גרויס גלאז ביר.

ער איז ארויסגעגאנגען און מיך געלאזן אליין. די דארף־שענק איז געווען פריש אויסגעקערט. מ׳האט נאך אנגעזעצן אויף דער פאדלאגע די געשפרענקלטע וואסער־פלעקן, אז ס׳אל נישט שטויבן. די זון האט ערב־פרילינגדיק אריינגעשיינט דורך די אפֿענע פֿענסטער. די פעלכלדיקע פֿארהעגלעך האבן אריינגעבלאזן דעם פֿרישן ערד־ריח פֿונדרויסן און גערייצט דעם אפּעטיט. איך האב דאס ברויט געגעסן מיט היימישער הנאה. דאס צוגעטרונקענע ביר האט מיך אויפגעהייטערט, מיר געמאכט קוראזש. איך האב ארויסגענומען פון טאש דאס נעכטיקע שרייבעכטס, א ביס און לייען און ביס און לייען און נישט וויניקער הנאה געהאט פֿונם געשרייבעכס ווי פֿונם געשמאקן, פֿרישן ברויט מיט פוטער:

וואס איך מוז יעצט האבן איז אן אדרעס! איך מוז אהיימשרייבן! כ׳בין דאך ממש א רוצח. זיי גייען דאך אויס נאך א בריוו .. און וועווטשען האב איך נאך קיין איין ווארט נישט געשריבן זייט אוועק פון דארטמונד ... ער האט א גלייכן שכל, ער האט מיך געווארנט: „אברהם נחום, ס׳איז נישט פֿאר דיר .. איך בין שוין א געפרוואוטער . דו ווייסט נאך נישט וואס עס מיינט קאזארמע . ציוניזם? קאמוניזם? וואס מיר ווילן אצינד, נאך די פֿינף יאר מלחמה, איז שפילן סאלדאטשינע שטיוול ... עס ליגט שוין אין אונז .. אפֿשר פון אייביק אן .. דאס בעסטע שפיל ביי קינדער איז אין זעלנער ...

איך האב שוין, פארטראכט אזוי, ביים ארויסנעמען די בליישטיפֿט נישט געמערקט, אז ער איז צוגעקומען צום עק טיש מיט צוויי שוימיקע גלעזער ביר — איך האב גארנישט געהערט ווי ער איז צוריקאריינגעקומען און נישט דאס אנצאפּן דאס ביר — איינס אנידערגעשטעלט פֿאר מיר. דאס צווייטע האט ער געהאלטן אין האנט און זיך אנידערגעזעצט קעגנאיבער. איך האב שנעל דאס שרייבעכטס פֿארשטעקט אין טאש אריין.

„הא, א ליבע? דאס גייט מיך נישט אן, איך בין נישט פון די נייגעריקע .. אבער עפּעס איז דאך נישט אין ארדנונג. אינמיטן ברען פֿון דער ארבעט זיצט מען אין זונטאגדיקן העמד אין שענק“. עס האט געזאלט קלינגען היימיש־וואוילעריש, אבער דער טאן איז באלד אריבער אין האלב ערנסט: „איך זוך טאקע גראד איינעם. ווען דו ווילסט קאנסטו דא בלייבן. עסן קאסט דא נישט און א פאר גולדן טאשנגעלט וועט אויך זיין“. ער האט געשמייכלט נאר ס׳איז ארויסגעקומען ביטערלעך־זויערלעך מיט געמאכטער גוטסקייט—אפנים עפּעס צו פארדעקן . . .

„אשטע בעליף“, האב איך אים מיט מיין צופרידענעם שמייכל אנגעקוקט, וואס כ׳האב אים נאך געהאט אויפֿן פנים בשעתן לייענען מיין שרייבעכטס.

„קיין קאנטראקט האבן מיר נישט צו מאכן . . . קאנסט שוין אנהייבן“.

„אשטא בעליף“, האב איך ווידער געזאגט דאס איינע ווארט, וואס ס׳האט זיך מיר ארויסגערעדט גאנץ האלענדיש, ס׳האט זיך מיר געלייגט אויף דער צונג.

ארויסגייענדיק, האט ער אנגעהויבן, ווי פארלעגן, ווי וועלנדיק עפּעס פֿון מיר א טובה — ניט פאר זיך נאר עמעץ אנדערשן! זיין רעדן האט זיך איבערגעהאקט, און ווי אינמיטן א שמועס: „דער אקער דרויסן ווארט אויך אויף זיין טרינק, אויף א געשמאקן ביסן ... ראשית מוז מען א פֿעלד באמיסטיקן“.

ווען מיר זענען ארויסגעקומען, האט דער הויף איצט א גאנץ אנדערן אויסזען געהאט — ווי א סצענע אויף א בינע ווען בשעת דער פויזע איז דערווייל א קוליסע געענדערט געווארן — הינטן, ארויס צו דער אפֿענער לאנקע, ביי דער זייט פֿון דער שטאל און שפייכלער, איז געווען אן אפענער גרוב. די ברעטער, וואס זענען פֿריער אויף אים געלעגן, זענען איצט אויס-

געליגט ווי א סטעזשקע צום טויער צו ביז העט צו די לאנקעס ארויס. ביים אפענעם גרוב איז געשטאנען א טאטשקע מיט א גרויס ביר־פֿאס אן אפֿנס, אן אייבערשטן בוידעם און מיט א קראן דערין. דערויף א קליין פעסעלע אן א דנא, ארומגענומען מיט א שטריק, איז געלעגן ביים ראד פון דער טאטשקע.

אין אפֿענעם גרוב האט געשוימט א געניאיעווקע און זיך פֿעטלעך געשפילט אין דער זון אין גאלדענע און אין בלויע קאלירן. דער שארפֿער גערוך האט א זעץ געטון אין נאז אריין, אז ס׳האט דעם אטעם פארכאפּט; ס׳האט ווי ביים האלז ווי מיט הענט אנגעכאפּט און געשטיקט. מ׳האט געהערט ווי עס זויערט און זידט.

זעעסט. אויף דעם אפגעקאכטן פֿאנטש ווארט דרויסן די לאנקע און דאס פעלד הינטן“. דער ביטערער שמייכל איז אויף זיין פֿנים נישט מער געווען, אבער אויך די נאנטקייט, די היימישקייט צווישן אונז איז געווען פֿארשוואונדן: „בראם, — כ׳גלויב, אז אזוי האסטו נעכטן ביינאכט געזאגט הייסטו — קאנסט אנהייבן“, די לעצטע צוויי ווערטער זענען שוין קלאר ארויסגעזאגט געווארן פון א בעל־הבית, פון א „באס“ צו זיין פֿרישן קנעכט.

„אשטע בעליף“, האב איך נאך א ברום געטון ווי אונטער דער נאז — און אפֿשר איז שולדיק געווען אין דעם דער זויערער, שארפֿער ריח, וואס האט מיר א זעץ געטון אין נאז אריין ווי מיט א פֿויסט — דאס זעלבע ווארט פון די זעלבע ליפּן, אבער ווי האט עס ערשט פאר א האלבער מינוט צוריק אנדערש געקלונגען און אויך ווי גאר אן אנדערן טייטש געהאט. ווען איך האב אויפֿגעהויבן דעם קאפ בין איך אליין געשטאנען פֿארן אפענעם גרוב . .

דערזעען דאס גרויסע, אפענע פֿאס מיטן קראן שטיין אויף דער טאטשקע, וואס איז געשטאנען אויף דער אקארשט געלייגטער ברעטער־סטעזשקע, וואס פֿירט ארויס פֿון הויף אויף דער לאנקע, דאס קליינע פֿעסעלע אויפן שטריק ביים ראד פון דער טאטשקע איז ווי פֿארטשאדעט מיין קאפ איז נישט געווען פון מאוסן גערוך, האב איך דאך באלד באנומען די שייכותן — גאר פשוט: מיט אט־א דעם קליינעם פֿעסעלע מוז מען די פֿעטע, שוימיק־זידנדיקע יוכע אפשעפן, אריינגיסן אין גרויסן פאס, אננעמען ביידע הענטלעך און קאטשען די טאטשקע שארפֿע „געטראנק“, דעם „פאנטש“ . . די געניאיעווקע וועט פֿון טרוקענעם, „דורשטיקן“ גראז איינגעזאפט ווערן; געדיכטן גנאי קאן מען נישט פארשפרייטן אויף לאנקעס — דאס געדיכטע קומט ערשט שפעטער, פֿאר די פֿעלדער פארן גארטן, אונטערצואקערן, אונטערצושפּיטן, צו דעם מוז מען האבן א לאפּאטע, א ווידלע . . . און זע די ווידלע, מיט דער לאפּאטע ליגן אויך שוין גרייט אויף דער צווייטער זייט פונם גרוב . .

כ׳האב מיך דערפֿרייט פֿונם איינפאל, פֿונם אויסגעפֿירטן פשטל! און אומר ועושה! און ס׳איז געגאנגען ווי א מזמור: א שעפ מיטן קליינעם פעסעלע א גיס אין גרויסן פֿאס, א פֿאר אויף דער האלצערנער סטעזשקע, אויפגעדרייט דעם קראן און די יוכע האט געפֿלאסן ווי שוימיק ביר — דאס פֿארן איבער דער אויפגעטייערטער לאנקע איז שוין שווער געווען — אבער ס׳איז געגאנגען! שנעל ארויף און ווידער צוריק; פֿארשטייט זיך ס׳מוז פֿארטיילט ווערן איבערן גאנצן גרויסן פירעק. און אודך, ווידער צוריק: א שעפ א גיס, א פאר א דריי ביים קראן און כ׳הער ווי דאס שוימענדיקע געטראנק זידט, ווי די ערד טרינקט עס זאפנדיק, הנאהדיק, תאווהדיק—די ערד לעבט! איבער מיר די יונגע פרילינג־זון, אונטער מיר אן אומענדלעכקייט פֿון גרינס. דער ריח פון דער ערד איז שטארקער געווען פֿונם מאוסן מיסט־גערוך — כ׳בין שכור געווארן פֿונם ארום, פונם שפיל איז געווארן א האזארד — א צעהיצטער, אן אנגעגאסענער פֿון שווייס: א שעפ, א גיס, א פֿאר און



מיט אלע כחות איבער דעם פֿירעק איבער דער גאנצער לענג און ברייט און נישט געשפירט ווי די צייט גייט אוועק.

מיטאג איז דער בעל־הבית ארויסגעקומען, מיך אנגעקוקט מיט א צופֿרידן שמייכעלע: „כאט פֿארדאמע!“ דאס ביטערע שמייכעלע האט אים ליסטיק ארויסגעקוקט פֿון די אויגן: פֿריי דיך, ברודערל, ס׳געדיכטע קומט ערשט שפעטער . . .

ער האט מיך נישט אריינגעפירט אין קיך אריין: ער האט מיר די „מיכע“ אויף „מיין“ פלאץ ביים עק טיש אין שענק ארויסגעשטעלט און באלד צוגעטראגן צוויי גלעזער שוימיק ביר — ער האט זיך נישט אנידערגעזעצט מיר קיגנאיבער . . כ׳האב די צוויי גלעזער ביר אויסגעטרונקען מיט איין זיפּ נאך איידער מיך גענומען צו דער מיכע.

צום פעשבער האט ער מיך שוין אין שענק אריין אויך נישט אריינגעפֿירט, ווייל איך בין שוין, מסתם, געווען אדורכגעזאפט מיט דעם שארפֿן השתנה־ריח, אז ס׳האט געאווירט פון מיר פֿונדערווייטנס.

די לחמא ברויט, וואס ער האט מיר ארויסגעברענגט, האב איך שוין נישט אנגערירט, ווייל וויאזוי זי אנרירן מיט מיינע מגועלדיקע הענט. אבער דאס גלאז ביר מיט איין זיפּ אויסגעטרונקען — ער האט מיר ארויסגעברענגט נאך איינס!

איך האב שוין געארבעט ווי א גולם, ווי אן אויטאמאט אהער און אהין, אהער און אהין — אן ארעסטאנט צוגעבונדן צו זיין טאטשקען איך האב שוין נישט געקענט מער שעפן מיטן קליינעם פעסעלע אויפן שריק, ווייל די געניאיעווקע איז געווען מער צואה ווי השתנה.

כ׳האב ארונטערגעלאזן צוויי ברעטער אין דער טיף, אין ביידע זייטן פֿון גרוב און אויף דעם געפֿארעמטן דרייעק געשטאנען צעשפרייט מיט מיינע צוויי פיס און געארבעט מיט דער גראביע, מיט דעם שאוול — בלויז דער קאפּ מיינער האט נאך ארויסגעסטארטשעט פֿונם גרובן. דאס פנים מיינס האט געגליט, די אויגן געברענט, איך האב מיך געשפיגלט אין דער זון, וואס איז קיגנאיבער מיר, מסתם אויך אין עפעס א „גרוב“ געזונקען אלץ טיפער און טיפֿער —

איך בין נישט מער איך, איך בין יאשו, דער „נארישער יאשו“, וואס האט איין מאל אין יאר, פורים צייט ביי אונז אין הויף, אין טשעלאדזש גערייניקט ס׳בית הכסא. די פֿענסטער אין הויף ארויס זענען געווען צוגעמאכט, פֿארהאנגען מיט קאלדרעס. דעם טאג האט מען נישט געדאוונט אין שטיבל — דער גאנצער הויף האט געאווירט; יאשו האט געשלעפּט די וויאדרעס צואה פון גרוב ארויס און זיי געטראגן צום מיסטוואגן — ער אליין איז געווארן אזא טריפנדיקע וויאדרע!

נישט איין מאל — איז עס געווען אויס רחמנות, אויס קינדערישער נייגיריקייט, אויס משוגעת?— האב איך מיך ארויסגעגנבעט אין הויף ארויס צו אים . . דער שטייענדיקער ריח, די פֿארהאנגענע פֿענסטער און יאשו שווימט ווי עפעס א שד איבערן גרוב . . איך האלט צו די וויאדרע בשעת ער קריכט ארויס . . און ווען ס׳איז געווארן נאכט — א לאמפּ שטייט אין פענסטער און באלויכט דאס אלץ — עס איז נישט יאשו, עס איז א גלגול, וואס גייט איבער די יידישע הייזער און רייניקט זייערע בית־הכסאות — א גרויס רחמנות נעמט מיך ארום צו אים, טרערן ברענען מיר אין די אויגן.

און זע, איבערן גרוב שטייט דער בעל־הבית מיט אן אנגעצונדענער לאמטער אין האנט: „בראם, העסט שוין היינט פערטיק מאכן, נאך מארגן פֿארשטינקן דעם גאנצן הויף . . . ס׳שמעקט קיין קונה נישט אריין אין שענק“ . . .

ער האט די ווערטער געזאגט בעטנדיק, פֿארשעמט ווי ער וואלט א טובה געבעטן.

ס׳האט שוין געהאלטן ביי חתימת הגולה! כ׳בין שוין געווען מיטן גאנצן לייב און לעבן אין גרוב און האב

ארויפדערלאנגט דאס פעסעלע און דער בעל־הבית האט עס צוגעהאלטן — ווי איך יאשוס עמער ..

„דאברי, דאברי" ... קייעט יאשו דאס שטיק קאלבאס, וואס איך האב אים ארויסגעברענגט. א פאר רויט־ברענענדיקע, גוטע אויגן קוקן אויף פון דעם קייענדיקן, צואה־באשמירטן פנים: „דאברי, דאברי מאלי זשידעק" — ער לאכט צו מיר .

פארן בעל־הבית האב איך נישט ארויסגענומען מיט מיין ארבעט. א פויער א בעל־גוף איז געוואוינט צו ארבעט. ביי א פויער איז צואה נישט קיין מאוסע זאך — עס איז גאלד! דאס מאכלמלאכים פון דער מאמע־ערד. זי עפנט אויף דאס מויל און מ׳קארמעט זי אן ווי א קינד . עס איז געווען מיין ווילדער שפרונג ארויס פונם גרוב און מיין ארויסגעשריי „דאברי, דאברי!" א ווארף־אראפ געטון פון מיר די בגדים און מיט איין שפרייז שוין געלעגן אדם־נאקעט אונטערן פלומפ און צו אים, צום „באס" א געשריי געטון גארנישט מעשה קנעכט: „אשטע בעליף"!

ער האט געפלומפט און געפלומפט, און איך האב מיך געפליעסקעט און געפירסקעט מיט דער נאז ווי א שווימענדיקער הונט, געריבן מיט די הענט מיר דאס נאקעטע לייב, דעם נאס געווארענעם שויבער־האר, און ארויסגעלאזן פון מיר חיהשע קולות פון הנאה, פון שטארקייט, פון פילן מיך, מיין לייב און לעבן, די ערד אונטער מיר; דעם ערב־פרילינג, צעשטערנטן הימל איבער מיר ... יא, כ׳בין א יאשו, א גלגול, א דבוק .. „דאברי, דאברי" האב איך געפירסקעט אין דער נאכט אריין ווי א הונט, וואס בילט קיגן דער לבנה, „דאברי, דאברי". איך שפיר מיינע כחות, איך קאן ארבעטן, איך בין א יאשו, איך קאן אויסרייניקן א יידיש בית־הכסא ביזן דנא .. „דאברי, דאברי", איך האב אן אדרעס! מארגן שרייב איך אהיים .. און דער בריוו צו וואוטשען וועט טריפן פון השתנה און צואה — ער וועט זיך באלעקן; אין פאלעסטינע, אין ארץ־ישראל .. אין גלות דארף מען אויך קאנען ארבעטן! מוז יאשו טון פאר דיר די ארבעט ?..

איך בין שוין געווען אויפן לייטערל צום בוידעם ארויף, און איך האב נאך געהערט זיין פלומפן . . איך האב מיך אריינגעווארפן אין א קופע היי א נאסער, א נאקעטער, מיט א מידקייט איבער מיין גאנץ לייב מיט א ברענען אין אלע גלידער: „כל עצמותי תאמרנה"

מיט דעם פסוק אויף די ליפן בין איך געזונקען, געזונקען אין א טיפן שלאף אריין, אין א ברענענדיקן קאשמאר אריין, ווי מיט א צוואנג איז מיר דער קאפ געווען ארומגענומען און אין די שלייפן האט עס געקלאפט ווי מיט האמערס —

די שווערע ארבעט א גאנצן, גייענדיקן טאג, די שארפע־זויערע מיסטגאזן, און איצט דער שטארקער הייגערוך, דאס בורטשענדיקע ביר אין ליידיקן מאגן. א צעהיצטער, א צעגליטער האט מיין גוף געשוויצט ווי א שטיק אייזן, וואס גליט און מ׳טונקט עס אין א צעבער וואסער. עס צישט עס שפריצט און פאר די אויגן פליען פונקען, שטיקער חלומות און כסדר זי מיט איר מאמעס זשאבע־אויגן, פוכלע און זונטאקדיק אויסגעפוצט .. כ׳וויל זי אנכאפן, האלט איך גאר „מילקען" ביי דער אייטער. כ׳מעלק אויס דעם לעצטן טראפן .. כ׳האב געשפירט ווי עס גיסט זיך פון מיר, ווי כ׳צערין אין גאנצע עמערס שווייס.

א ווילדער, א צעהיצטער יאגט זיך יאשו מיט דער ווידלע נאך א קוויטשעדיקן ראט, זיינע לאכנדיקע, ברענענדיקע אויגן — פונם צואה־באשמירטן פנים ארויסשרייען: „דאברי, דאברי, מאלי זשידקו".

כ׳האב די אויגן אויפגעריסן, אין איין שרעק מיך אויפגעכאפט. ארויס פון דער היי־קופע, מיין גאנץ לייב איז ווי באוואקסן מיט האר; אינם אויסגעטרוקנטן שווייס קלעבן טרוקענע היי־



גרעזלעך — א ריכטיקער עשיו! א יאשו מיט די ביינער! צעלאך איך מיך.

אין הויף, אונטן איז נאך שטיל געווען. איך האב ארויסגענומען דאס בלייששטיפטל מיטן פאפיר און קודם אנגעשריבן דעם בריוו אהיים. אבער מקצר געווען, ווייל דער קאפ איז פול געווען מיטן בריוו צו וואוטשען. אבער אויך דער בריוו איז ארויסגעקומען קורץ — נאר א פאר ווערטער, כדי ער זאל וויסן מיין אדרעס — ווייל עפעס אנדערש האט זיך געריסן אין מיר, נישט ווייסנדיק נאך — וואס.

אלץ פון דער גאנצער צייט האט זיך אין מיר צוזאמענגענומען ווי אייטער אין א בלאטער — צום אויפפלאצן!

אין דער גרויסקייט פון פארטאג, וואס איז אריינגעדרונגען דורכן בוידעם־פענסטערל און פול געמאכט דעם גאנצן ארום מיט איין גרויסן שאטן, זענען שורות געלאפן אויף ווייסן בויגן פאפיר ווי די שטיקער קאשמאר־חלומות אין דער נאכט. איין געשטאלט האט מיך נישט אפגעלאזט און זיך געפלאנטערט און געבארעט מיט אן אנדערן און מיך מיטאריינגעשלעפט אין דעם געפלאנטער —

כ׳האב מיך געוויקלט און געדרייט ביי שכוינענפעלדן שוין אין שטאל און איצט אין דער גרויער שטילקייט, נאך דעם ווילדן און צעריסענעם קאשמאר, איז מיר ווי קלאר געווארן —

יא, דאס אייזל האט גערעדט מיט בלעם׳ן, רעד איך נישט מיט „מילקאן"?.. און מיטן ביק פארשטיי איך מיך דען נישט אויפן וואונק.. ס׳קאן ליב קריגן א בהמה ביז צו וועלן שלאפן מיט איר .. ווער ווייסט די גרענעץ פון זאכן ווען זיי הייבן זיך אן? געזעצן האבן גרענעצן, אבער נישט די נאטור —

דאס איז, מסתם, דער גאנצער אונטערשייד די מחיצה, דער איבערגאנג פון בלעם דעם נאטור־נביא צו משהן דעם נביא פון געזעץ.

איך האב דאס ליד — „בלעם און זיין אייזל", א מין באלאדע אין ברייטע שורות — אריינגעלייגט אין בריוו צו וועוואטשען.

ווען כ׳בין אראפגעקומען אין הויף, איז שוין געווען גרויסער טאג. א שעצקע־מאשין האט געארבעט אין שפייכלער. כ׳בין אהין אריין. דער בעל־הבית איז געשטאנען ביי דער מאשין און „געהאקט" שעצקע. בשעת ער האט אויפגעקניפט א סנאפ האבער, האב איך שוין געהאלטן דאס הענטל פון דער שעצקע־מאשין אין איין האנט און געדרייט; „כוי מארכען, באס". ער האט מיך, א פריילעכער אנגעקוקט: „בראם".

דעם ערשטן בריוו וואס איך האב באקומען אויף מיין נייעם אדרעס, איז געווען פון וועוואטשען, פון דארטמונד.

● ● ●

מיט די ווערטער. „א מענטש מאכט זיך משוגע", האט זיך אנגעהויבן וועוואטשעס לאנגער בריוו, מיט דער טעאריע, קודם, וואס מיינט אזוינס פראדוקטיוו זיין?.. „זאגט מען דען נישט ‚א פראדוקטיווער שרייבער׳... כ׳פארשטיי דיך, ס׳יידישע פאלק אלס אזעלכעס .. ווער זאגט דאס? יידישע שונאים זאגן, אנטיסעמיטן ... האבן מיר נישט אין טשענטאכאוו טויזנטער יידישע ארבעטער און אין לאדזש צענדיקער טויזנטער?.. ס׳איז שוין צייט זאלס וויסן וואו די האלטסט אין דער וועלט ... וויסן דיין אויפגאבע אין לעבן , דו ווילסט אליין, בידים, צעשטערן דיין טאלענט .. ס׳איז ווי זעלבסטמארד באגיין . ס׳ליגט אין דער מענטשלעכער טבע .. יא, מכוח דיין ליד, אשכולי איז נתפעל דערפון! אשכולי, דאס איז דער וויינטרויב. ער קען דיך, ביסט מיט אים צוזאם געפארן פון בויטן קיין בערלין, און פלוצלינג ביסטו פארשוואונדן .. ער איז יעצט דא אין דארטמונד און מיר שטעלן צוזאם דעם זשורנאל .. דיין ליד, „בלעם און זיין אייזל", וועט גיין דאס ערשטע. מיר זענען דא אין רהיינלאנד א גאנצע חברה . יאנקל אדלער, דער לאדזשער בארימטער מאלער

וואוינט אין דיסלדארף .. און מכוח עקזיסטענץ האסטו גארנישט וואס צו זארגן. דו וועסט זיין מיט אונז .. מיר ביידע וואוינען ביי דעם זגראבנעם וויבל, מיט די פאלקסלידער. איר מאן ארבעט יעצט אין שארל־לערוא אין בעלגיען .. מיר פארן ארום, איך מיט אשכולי, א צוויי־דריי שעה מיט א וועגעלע קויפן אלט אייזן און שמאטעס — דו ווייסט דאך פאר דעם רייכן ייד, אונטערן בערג, הער גבאי אין „דיין שול"; .. און דאס זגראבנע וויבעלע, פאר א שבוש מאכט זי מעדנים . איך בין ממש פארליבט אין איר. זי איז דאך אן אוצר פון יידישן פאלקלאר"..

איך וואלט מיך אפשר, מיישב געווען און מיך צוריקגעשמוגלט קיין דארטמונד דער בריוו פון וועטשן האט, ממש מיך אנגעצונדן! קריג איך דעם צווייטן טאג א בריוול פון טאטן: „איך שיק דיר ארויס די טעג געלט אויף הוצאות אהיימצוקומען ... וואס דו האסט אויף דיר גענומען איז נישט פאר דיינע כחות .. דו ביסט פאר עפעס אנדערש באשאפן . אסך פון דיינע חלוצים זענען צוריקגעקומען קראנק און צעבראכן; און דערנאך קומען פסוקים און מאמרי־חז"ל. „אל־תעלו .. מען טאר דאך נישט מדחיק זיין דעם קץ . און דער עיקר דו טוסט אן עבירה אין דער מאמען .. זי גייט ממש אראפ פון זינען, גאנצע טעג טראכטנדיק פון דיר . זי שלאפט נישט די נעכט".

ס'איז ביי מיר געווען ווי אין דער מעשה פון שלמה המלכס גאלדענער קרוין, וואס האט געוואויגן צוואנציק צענטנער. איין מאגנעט איז געווען פון דער זייט און איין מאגנעט פון דער אנדערער, און אזוי האט זיך די שווערע קרוין געהאלטן, שוועבנדיק אים איבערן קאפ ..

דאס ציען אהין און אהער, דאס נישט קענען קומען צו א באשלוס: די חברותא אין רהיינלאנד, דער זשורנאל, די מעדנים ביים זגראבנעם וויבל! אירע פאלקסלידלעך, דאס פריילעכע רעדן אירס ... און צוריקגעשמועסט, וואס וועל איך טון אין דער היים? מיך זעצן צו דער גמרא, ווערן א קעסט־איידעם", א „זיידענער יונגערמאן"? סוחר׳ווען .. פאסקעווען? פסקענען שאלות, אז איך אליין פרעס טרפות?

מיינע בריוו צום טאטן האב איך אויך באשמאלצן מיט פסוקים, מיט מאמרי־חז"ל: „פשוט נבלה בשוק".. „פון גאנץ סדר זרעים פון אויסנווייניק וועט נישט אויסוואקסן קיין איין **גרעזל** אויף דער האנט, און פון דער גאנצער פרה־אדומה און פון אלע עגלות־ערופות און פון דער סוגיא טפות־חלב וועט מען נישט אויסקוועטשן קיין איין טראפן מילך".

אויף דעם איז פון טאטן אנגעקומען א פרישער בריוו: „כל העוסק בתורה לשמה איז מלאכתו נעשתה על־ידי אחרים . און איז דאס טאקע דער תכלית פון לעבן צו זיין אן עושה ואוכל?" —

די שווערע ארבעט, דאס שרייבן בריוו אהין און אהער האבן אויסגעפילט מיינע טאג, בארואיקט מיינע בענקעניש.

נאך דעם ווי די „גרוב" איז שוין געווען אויסגעליידיקט, האט דער בעל־הבית מיך נאך נויטיק געהאט אויף אפאר וואכן די קארטאפל צו זעצן, די צוקער־ריבן צו פלאנצן, אבער דער עיקר דעם גארטן ארונטערצושפיטען— וואס איך האב אים געגעבן אין נדן אריין ....

דעם היי־בוידעם האב איך שוין קונה שביתה געווען און געהאט אויך מיין אדרעס און פאר דעם האב איך פארטאגס געהאלפן ביים קי־מעלקן ביים שעצקע שניידן. און ווען כ'האב געזעען אז איבערן טאג בין איך דא דאס פינפטע ראד פון וואגן, האב איך געפונען ארבעט אין דער גרויסער גערטנעריי הינטערן דארף, קיגנאיבער דעם דערוועטער משוגעים־הויז.

ווען ס'איז געקומען צום אראפנעמען פון די ביימער דאס אויבסט, האט דאס משוגעים־הויז אריינגעשיקט די האלב־



משוגענע, די היפאכאנדערס אין גארטן אריין ביים העלפן אראפנעמען פון די קזשאקע־ביימלעך די וויינפערלעך, די חזירלעך, און איך האב געזאלט זיין זייער פארארבעטער.

די ערשטע טעג איז עס געגאנגען גוט. אבער וואס ווייטער — שטענדיק צווישן זיי — בין איך ממש געווארן ווי איינער פון זיי. כ'האב אנגעהויבן צו גיין מיט זייער גאנג, שמייכלען זייער שמייכל, געפילט ווי א מרה־שחורה קוקט מיר ארויס פון די אויגן .. עפעס ווי כ'וואלט אנגעשטעקט געווארן מיט זייער היפאכאנדערישקייט:

און אפשר בין איך טאקע אזא איינער. מיין צעריסנקייט שטענדיק, מיין שטיין תמיד על פרשת־הדרכים, דאס נישט אנטשליסן קענען ... שוין אין דער היים! דוד ריכטער האט געוואוסט אז ער איז א קאמוניסט, לאזער פלאצקער — אז ער אי א ציוניסט; וואוטשע ווייסט גענוי וואס ער וויל .. שרייבן!

די תמוז־היץ די שווערע ארבעט, דאס נישט האבן מיט וועם א ווארט אויסצוריידן. און אפשר איז שיצא־פרין טאקע אן אנשטעקנדיקע מחלה?

אהיימקומענדיק פון דער ארבעט, האב איך מיך אריינגעווארפן אויפן בוידעם אין דער קופע היי, פארגעסן אפילו צו עסן אויפגעהערט בריוו צו שרייבן .. געלעגן און געקוקט אין איין פונקט אין פינסטערן ווינקל אריין, וואו א גרויסע, פעטע שפין וועבט א פרעכטיק געוועב א מין גרויסן דיוואן ...

ליג איך נישט דא ווי די מאמע ביים פענסטער ארויסקוקנדיק צום קוילן־סקלאד, מרה־שחורה זיצן בלייבנדיק אינמיטן צערעווען.. כ'האב געשפירט ווי טרערן האבן זיך מיר אנגעהויבן גיסן פון די אויגן.

האט עס טאקע שוין אזוי ווייט געהאלטן, אז איך האב שוין אפילו אויפגעהערט צו גיין צו דער ארבעט. אדער ווייל אויפן הויף האט זיך געמאכט מער ארבעט: דאס זומער־קאשען, גראביען, איבערוווארפן, די קארטאפל אויסגראבן, די צוקער ריבן? אזוי אדער אזוי, הער בעל־הבית פון דער שענק, „ביי דער קו אונטערן עק", האט סוף זומער צו דער זשניווע געמוזט האבן א קנעכט, און אפשר נישט אזוי פאר דער זשניווע — מיט דעם ביסל ארבעט וואלט ער אליין געקענט פארטיק ווערן — ווי פאר זשניווע־פעסט. ווי ער האט נויטיק געהאט אין ערב־פרילינג א פארשוין צו רייניקן „דעם גרוב" האט ער אזא פארשוין אויך נויטיק געהאט פאר זיין "רעבעקא", די מאדעל מילך־קו, די שטאם־בוך קו מיטן ערשטן פריז ארומצופירן צווישן די טישלעך באדעקט מיט פאן־קוכנס, „מיט לעקער"־קוכנס צום איינבערעכן, צווישן יום־טובדיקן עולם, א באשנאשקעטן, א פייערלעך צעטומלטען, מיט שווער־לייביקע ווייבער און צייטיק איבערגעוואקסענע, פולע טעכטער איינגעשנירטע אין זייערע זונטאג־קליידער צום פלאצן.

און באמת דאס פירן אהין און צוריק די שווערע טאטשקע מיטן צואה־פאס איז מיר לייכטער אנגעקומען ווי דאס גולמדיקע ארומדרייען, ווי א נאר אויפן יאריד צווישן די טישן מיט די טומלדיקע הוררא געשרייען. מיר האבן זיך איינער מיט דעם אנדערן, איך מיט דער „רעבעקא", אנגעקוקט און זיך פארשטאנען אויפן וואונק: קוקעס אן, א חברה לצים .. א שמחה די באבע האט זיי געהאט .

אינמיטן דער שמחה, ווען דאס גערודער האט דערגרייכט צום הויך־פונקט, האט זיך עמיל פיסער באוויזן, אנפארנדיק זיך אויף זיין בריטשקעלע. מסתם צו זיין מסחר איז נויטיק געווען אין אזא טאג מיט זיינע קליענטן אויסצוטרינקן א גלעזל, שטעלן א פונדע פארן גאנצן דארף; אין איין וועגס טאפן דעם דופק וואו ס'געפינט זיך א פלייש־קו צו פארקויפן, א יונג ביקל, א יאלעווקע ..

איך האב אים באלד דערקענט אין זיין „אינטעליגענטן" אראפגיין פון דעם בריטשקעלע אין זיין ברייט־לאכנדיק פנים, אין די גאלד־געראמלטע ברילן;

שפעטער ער מיך, מסתם אויך דערקענט —

אן אויפהער האט ער געהאלטן אין איין ווישן די ברילן־גלעזלעך. ווי נאר כ׳בין געקומען מיט דער באקראנצטער „רעבעקא״ אין זיין שכנות, האט ער א בליק אריבער געגעבן איבער די ברילן, זיי שנעל א כאפ אראפ געגעבן און גענומען ווישן די גלעזלעך: דער שידוך האט אים נישט געפאסט: אים, דעם האלענדישן ייד .. א ייד א קנעכט . אן עבד ביי א גוי . א סטודענט־אגראנאם, א פראקטיקאנט, א פאלעסטינע־פיאנער פארן הייליקן לאנד איז עפעס אנדערש! אבער אזאן?!.

ווי וועט ער אויפהייבן זיין פנים פאר די פויערים ? זיי זענען גערעכט, די חברים אין חלוצים הויז .. א פרא־אדם, א באלשעוויק, מסתם .. אזא מאטעריאל קאנען מיר נישט געברויכן ... און ער האט זיך שנעל אפגעטראגן.

איך האב אבער אויך שוין געוואוסט, אז איך וועל מיך בקרוב אויך באלד מוזן אפטראגן. מיין אדרעס איז אנטדעקט געווארן! אדער עס וועט זיך א חבר פון חלוצים־הויז באווייזן מיך אהין צוריקצוברענגען אדער א פאליציסט וועט מיך צופעליק אנטרעפן און פרעגן אויף א פאס ..

# פאריז

## ווידמונג

„שויתי ד׳...״ געשוואוירן א שבועה,
שטענדיק שטיין די שרעק שוידערלעך פאר די אויגן;
אז אזעלכעס געקענט געשען אויף קיילעך ערד,
איז וואס קען ער שוין דער גאנצער מין מענטש טויגן?

איך הרוג נאר, אפשר אונטערגעווארפן גאר,
און אן עגלה־ערופה די שטאט מוז ברענגען —
פארוואר, ווער ווייסט וויפל דא דעם דייטש געהאלפן
צום געיעג־גרויל — גאנג אויף פארגאזן, אויף הענגען.

אבער מיט אייגן לייב־ן־לעבן איינגעשטעלטן
אזויפיל געראטעוועט יידישע קינדער — —
פאר אט די־א, נישט נאר בלויז פאר די קדושים,
מיט טיף געבויגענעם קאפ כ׳שטיי שטיל אצינדער.

ביים מאנומענט, 31סטער מאי, 1966.

1

### די באסטיליע ..

מיט כבוד פאר פראפעסאר קוליאלי

די באסטיליע א ציגל אויף א ציגל,
צענומען זי מיט די אייגענע הענט,
און אצינד וואוינען אין היזער אזעלכע,
מיט געשפאלטענע, צעפאלענע ווענט?

איז עס ווייל צו וועלן געהערן מען וויל
צו די מעכטיקע, צו די שטארקע פיר?
וואס ערשט דעמאלט ווען לבנה־זיכטיק ווערן,
צו וועלן זיין קאסמאנאוטן־פליער?



ווי דער אטאם ס׳שפאלט זיך שוין מענטשס מחשבה!
אויב מיר וועלן אזוי ווייטער אנגיין,
ס׳וועט באלד דער ערד־קיילעך צענומען ווערן,
ווי די באסטיליע — א שטיין אויף א שטיין.

2

צווישן אזויפיל גענעראלן אין פאנטעאן,
בלויז פיר שרייבער: זאלא, הוגא, רוסא, וואלטער;
און דאס זעענסווירדיקסטע — ווי ביי אונז אין לאנדאן —
די מאדאם־טוסאד — אין פאריז די סאקרא־קער

און פונקט ווי אויפן הר־ציון לויפן ארום דא
די טוריסטן פון די פאראייניקטע שטאאטן;
ס׳רוישט ווי א מוראזשקע־קופע דער בארג סאקרע־קער,
אנטציקט צוקן די פאטא־אפאראטן.

פארן טויער אין טרויער שטייט יונג א מאנאשקע,
און פארקויפט דאס בילד פון „דער הייליקער מאמע״
אינדרויסן שפרינגט אונטער א הויקערל מיט בילדלעך,
אינגאנצן אין בלויזן, צומאל אן פיזשאמע.

3

ווי זיי וואלטן געטראגן פענער אין די הענט,
גייען זיי מיט די לאנגע ברויטן־שטאנגען;
פארנאכט אין פאריז, ווען ס׳פאלק גייט פון דער ארבעט,
מען הערט נאך דעם אויפמארש און די געזאנגען —

די ערד האט איינגעזאפט יענעם הייליקן הילך,
און אויף אייביק זי קאן אים נישט פארגעסן!
אז וואס קאן שוין זיין ווארער, וואס וואונדערלעכער
ווי א גאנץ פאלק פון איין ווילן באזעסן ?

פאן פארוויקלט קאן ווערן פון ווילדע ווינטן,
אבער שטאנג פון האנט ס׳פאלק וועט נישט אפלאזן!
מיטן לאבן־ברויט דריקט זי די פאן צום הארצן,
אטעמדיק־צעפלאטערט, פלאמיק־צעבלאזן.

### דאס פלעצל

1

צוויי שוחטים ווערטלען זיך אויפן פלעצל,
ווי צוויי נישט־דערקוילעטע הענער;
מען דערקענט ווער דער ליובאוויטשער און
ווער דער סאטמארער — אין די טענער.

דאס כשרות זשומט ארויס פון די פענסטער:
״אפילו למהדרין, פארלעסלעך״!
אין א היימישן ריח־נחוח,
פרעגלען זיך אין דער זון די געסלעך.

און פאר דער פאוע־שול שטייט דער שמש,
בעט אריין א צענטן צום מנין — —

אויף רעדער גייט פאריז און ס'פלעצל שטייט
אויף הינערשע פיסלעך — א בנין.

2

פונם פלאץ דא לא קאנקארד ביז צו פלעצל,
דאס געוואלטיק גרויסע וואונדער פאריז;
די אלטיטשקע אויבן אין דער פאווע־שול,
ווי אין לאוועור לעאנארדאס מאנא־ליז.

שעהן אזוי זיצן און ארויפקוקן,
לייענען פון יעדן פעלטל, פון יעדן קנייטש;
איר פנים אן ארויסגעריסן בלעטל
פון א צעוויינטער תחינה אויף עברי־טייטש.

די שיין פונם נר־תמיד אויף איר שטערן,
דאס טיף טונקעלע ארום ווינקל פון איר מויל;
מ'לייענט ארויס דערפון, מיט פארטרערטע אויגן,
פון די היטלעריסטן טעג דא דעם פינסטערן גרויל.

3

געווידמעט פראפעסאר דערטשאנסקי

אין שוואלב קאן קיין פרילינג נישט מאכן,
אבער פריילעך אויפן הארצן ווערט;
סוף־כל־סוף זיינען שוואלבן פאראן
ערגעץ־וואו דאך אויף אונזער ערד.

און אז איינער איז אנגעפלויגן,
וועלן שוין קומען נאך און נאך — —
ווי פריילעך אויפן הארצן עס ווערט,
ווען מען דערהערט דעם פליגל־פאך.

אויב נאך נישט דא, איז דאך ערגעץ־וואו,
פרילינג־פרייד און א פויגל זינגט —
און דעם איינציקן שוואלב א צווייטער —
דאס הארץ פריילעך אקייגנשפרינגט.

ב ע ל ו ו י ל

1

בעזרת־השם, מ'האט זיי נישט אויסגעהרגעט,
דאס מוטערלאנד זיי מאמעדיק אויפגענומען;
די ליידיק געווארענע בענק אויף בעלוויל,
ווי געווארט אויף זיי און צום גרייטן געקומען.

זיינען פול אצינד גאנצע טעג און בעכט
די שפיל־קאפעס, די ביליקע ביסטרא־שענקלעך;
— שבת פילן זיי אויס די ליידיקע שולן,
נאך האלבער נאכט — אויף מאנפארנאס די בענקלעך—

עס ארבעטן די אויטאמאטן, די שפיל־קעסטלעך,
ווי ס'תהלימל פון האנט צו האנט — ס'פעשל קארטן!
און דרויסן צווישן די ביימער די ווייבער,
ווי אונטער שול־גראטעס, ווי אין הארעם־גארטן.



2

„ביין מעסטלעך רייד האט באקומען די פרוי" —
ביין מאס שיינקייט די פרויען פון פאריז!
שטארק די בחורים די שווארץ־געלאקטע,
א שמשון הגבור יעדער — א ריז.

דלילה איר גבור צו באזיגן,
די האר שערט זי אים אפ מיט שארפער שער;
די פרוי פון פאריז אויף אין לאק זיינעם,
זי ברויך נאר לאזן טריפן בלויז אין טרער.

ווי וואונדערלעך געלאקט אין נאטרע־דאם,
שטייט פארוויינט־פארוואונדיקט „די סינאגאג" —
אבער אין דער שול ווארט מען נאך אלץ אפ
די געוואלטיקע מלחמת גוג־מגוג.

3

ס'פלאנטערט זיך, ס'דריוולט אין אונזער לייב,
אדערן פארקניפט נערוון פארשפונגען;
ס'גייט אונטער מיט פינסטערע שקיעות,
אויף גייט עס מיט ליכטיקע זונען,

וויאזוי מיט ליפן אויפקניפן,
מיט מענטשלעכן אויער דערהערן,
ס'ווארט געבוירן אין געברויז פון בלום,
געצוואגן אין זידיקסטע טרערן?

ווי אויף א וויע ס'ציטערט א טרער —
צווישן די צוויגן דער לאמטערן;
כ'זע איר בליק אין מיין צאפלדיק הארץ,
און ווי ס'וואלט צו קלאפן אויפהערן.

דע לא קאנקארד

פאר ניקאל

1

דער בליק איבער פלאץ דע לא קאנקארד!
כאטש ארויפקריכן אויפן אייפל,
און א סאלטא־מארטאלע מיט איין שפרונג
ליגן צו בלייבן שטויב א הייפל.

אונטער טויזנט רעדער וואס לויפן,
ווער ווייסט וואוהין, צו גאט, צום טיוול? —
דער בלוי־לויפנדיקער טאשמע־באנד,
דער נולן־אין־נולן געכפל —

וויעטנאם? ס'גייט שוין אין גאנצן ערד־קיילעך!
צעשאטן צו ווערן א הייפל —
שטויב פון אונטער לויפנדיקע רעדער,
נישט צו בלייבן פון זיי א שרייפל.

2

אין שטילן בין־השמשות סקווער,
שטייען די פיר בוימער פארטראכט;
א גאנצן טאג חלומען זיי
און כאפן זיך ערשט אויף פארנאכט.

שושקעט זיך פארליבט פארל,
איינס ס'אנדערע צום הארצן פרעסט;
אין בגדים אטלעס און זיידן,
שארכן שאטנס — חתונה־געסט.

זיי וואלטן א מצוה־טענצל,
געגאנגען ארום לאמטער,
זעען זיי אויס די פיר בוימער,
אינם שטילן פירשטנבערג־סקווער.

3

עס איז נישט די נאטרע־דאם, די מאדלעין,
די וואונדערלעכע רעליעפן, די קארניזן,
אפשר איז פאריז גארנישט אזוי שיין,
ס'איז דערפאר ווייל דו האסט די שטאט מיר געוויזן

א והא ראיה דיין אונטערגעסל!
אז א שפערל צומאל זאל זיך דא באווייזן,
ווער רעדט א טויב צי א זינג־פויגל גאר,
מאטאר־געשטאנק, שמאטעס און פארזשאווערט אייזן.

און זע: ווי די סעמיראמיס־גערטנער,
הענגען בלומענטעפ פאר די פענסטער־גראטעס,
און פון דיינע, ווי וואונדערלעך הילכן,
ווי אויפן פלעצל יידישע לידער־פלאטעס.

ממעמקים

1

איבער דריי הונדערט סאנעטן פאר מיין געליבטער,
און גרייט אוועקצושענקען איר מיין גאנץ לעבן;
אבער דאס מיידל אין ראג, אין טונקל געהילטן,
געאייביקטע רגע מנוחה מיר געגעבן.

און איך פראנציסקא די פעטרארקא, איר מוזט'ס וויסן,
איך בין נישט דער גרינגסטער צווישן די פאעטן,
און נישט נאר בלויז א פערצן־שורהדיקן סאנעט,
ס'מינדסטע פרויען גליד ווי א ליד כ'קאן אויסגלעטן.

דעריבער ווען איר גייט פארביי ס'פארהילטע געסל,
און ס'מיידל לאזט אראפ פונקט איר נאזטיכעלע,
מיט א קניקס עס אויפהויבן, ווי פאר א פרינצעסין,
און א ליד שרייבט אריין אין אייער ביכעלע.

2

מיינט עס נישט שרייבן ליבע־לידער,
געשווירן נישט אויפהערן קראצן?



געשניטן, געלעכערט, געסילעט —
פערל פאר מבינים אפצושאצן.

ווען נישט דו, מיין דיק ווייב, מאטילדע,
מיין קויש שיין־שמעקנדיקע בלומען,
אין שטאט פון שמינק־צישנדיקן קוש,
שוין לאנג בנשיקה אומגעקומען.

לייכטער צו זיין א וואלף צווישן וועלף,
ווי א פאיאץ צווישן פאיאצן —
בלויז מיינע מאטראצן־לידער איצט,
ווער ווי איך, ווייס זיי אפצושאצן?

3

דא ביים סען־ברעג ערשט מוראדיק דערשפירט,
נישט נאר דאס ממעמקימדיקע גליק,
צו שלאפן מיט א נפש טיף דערפילט —
מיט קלאשאר באטרונקן אונטער דער בריק!

ווי וואקלדיק געזונקען, נישט פון וויין —
געוויין דעטרונקען ווען ס'העכסטע מ'דערגרייכט!
נישט צום צלם־אלקים — צום צלם!
צום דאריאן גריי־בילד, דארן־קרוין דערהייכט.

„ואהבת לרעך כמוך",
עס מיינט אונטערשטעלן די צווייטע באק,
נישט פאר א קוש, חלילה — פאר א פאטש!
סאלאמע, מיין קאפ האק אפ מיט דיין האק.

* * *

מיט כבוד פאר הרב טשאסקאלא שליט"א

נאך פארענטפערט מען דא תוספות א קשיא,
מיט א ראקאקא־דריי מיטן גראבן פינגער,
און אויף אן ארעם בוידעם־שטיבל באזינגט נאך
דיין שיינקייט, פאריז, א יידישער זינגער.

פונם רבינו תם, פון רשב"ם און רלב"ג,
ביז צו א שאגאל סוטען א מאנע קאצן,
ביז צו וויצן, צוריקקומענדיק פון אוישוויץ,
און יידישלעך נאך שלייפנדיק זיינע זאצן.

און ווי אין דער היים, ביי א שבתדיקן טיש,
יא לויתן, שור־הבר, ווי אין גן־עדן —
גאט, אזויפיל שבת־קודש פרייד אין אויגן
נאך אזויפיל יסורים־קשים און ליידן.

## קרופניק

— פאר וויעוויארקעס קינדער און אייניקלעך —

דער צימעס, די שטרודלען, די קאמפאטן,
כל מיני מטעמים — אזש סטראפעט פון זיי!
שוין די פארשפייז, געהאקטע לעבערלעך,
געהאקטע הערינג — זיס־זויערלעך כל־ערליי.

א ציבעלע, ס׳געלעכל פון אן איי,
און פעט באשמאלצן מיט הינעריישן שמאלץ,
אפאר געגזענע גריוון, איגערלעך,
אז ס׳גליטשט זיך אליין שוין אין געשמדטן האלז.

און ערשט דאס געבראטנס, דאס געזאטנס,
קודם־כל די היימישע, געפילטע פיש;
פון די מעגעלעך, מילצן און קישקעס,
ברעכט זיך דעמבענער און מאהאגאני טיש.

ס׳ביסל ברוין אויסגעשמאלצענע קאשע,
אויסגעפארעט, ווי אין באד גוט אויסגעשוויצט;
גאלדענע רענדלעך? פארגאפטע אויגן?
ווי פארשטייט ס׳ווינקט, ווי ס׳גליצערט, פייערדיק ס׳בליצט —

זופן: קרעפלעך, קניידלעך, לאקשן, פערפל,
צוקער־באבעס שילגערלעך אונטער דער יויך,
רויטער בארשט! וואס זעען מיינע אויגן?
צווישן די מעדנים דער קרופניק גאר אויך —

די יידישע הארעפאשנע מאמע,
וואס אלץ נישט אריינגעלייגט אין טאפ אריין,
אן ארעמע מאלצייט אפצוקאכן —
פון טשאלנט צומאל געבליבענעם מארך־ביין!

פון נעכטיקער פאטעלניע אויסגעקראצט
ס׳ביסל ריישעכטס־באשמעלצעכטס פארקוילט שווארץ;
און ווען זי האט שוין גארנישט מער געהאט,
אין טאפ אריינגעווארפן האט זי איר הארץ.

אז די פאר קרישקעס זאלץ אויך אויסגעפעלט,
איז זי געשטאנען איבערן זידיקן טאפ
און די טרערן אין אים אריינגעציילט,
זאלציק שווער געפאלן אזוי טראפ נאך טראפ.

*    *    *

מאמעס קרופניק אין א פאסנעם מיטוואך,
טויזנט יידישע טעמים האט ער געהאט,
נאך היינט, אז כ׳דערמאן מיך, דאס ווארט נאר בלויז,
די סלינע איך שלינג, כ׳באלעק מיך און כ׳בין זאט.

## א פארשטריקטער שבת אין שטריקער-פעראיין . . .

נאריטש — ——— ——— ———

נישט אין סאקרא־קער די הונדערטער, די טויזנטער,
די קאנפראמאציע־קינדער גאנץ אין ווייס —
א פאנטאזיע אפשר, א פאטאמארגאנאם —
אז דא פאר מיינע אויגן גאר — גיי ווייס?

„ממצרים ועד הנה ושם נאמר" —
פון טשעלאדזש, איבער טוניס, ביז פאריז,
ס׳איז פאלג מיך א גאנג — געראטעוועט, א פליט,
כ׳דערקען אים, כ׳ווייס געגוי אצינד ווער ר׳איז.



גאנצע היים, מיין קינדהייט שטייט מיר פאר די אויגן,
ווי אין חלום, וווגדערלעך, שטייגט אלץ אויף;
ס׳שטיבל, די אפעציע די סוכה, דער שלאק,
„קאמער קאמער טיר", קעלער .. גאנצער הויף!

אויבן אין שטיבל, אינמיטן דער „עבודה",
די געוויינען רייסן די הימלען אייך!
מיר אונטן, חתן־כלה אונטער דער חופה,
פירן מיט געפויק אין קעלער אריין.

אין פינסטערן קעלער, אין זיין ווייס אנטועכץ,
צומאל זיינע שיך אזוי ווייס — א גייסט!
די שרעק כ׳שפיר נאך איצט — פון אשוויץ געראטעוועט,
דאס ווייסע אנציעכץ מסתם — ווער ווייסט?

„טאטע דו האסט מיך דעהאט דעמיר א דאשן",
אט צעלאך איך מיך מיטן רעפעראט,
ווי אונזער גאנצער הויף דעמאלט פון קינדס חכמה,
איז הילכיק צעלאכט: „ס׳וואקסט א יונג א כוואט!"

„בעד נעולים!" . . . הילכן מיינע געהירן.
און מיין שטעל טשעלאדזש שטייט פאר מיין בליק!
יא, אז אהער דא קיין פאריז געמוזט קומען,
מיין היים מיין קינדהייט געפינען צוריק.

זע מיין ליכטיקער טאטע, מיין שיינע מאמע,
מיין שוועסטער צימעלע אין אשוויץ ברענט —
ווי אפלעשן זי כ׳וואלט געוואלט, זי ראטעווען —
„וויטשעפל איצט!" כ׳היץ מיך, כ׳מאך מיט די הענט.

"בעבור נעלים", איבער איין פאר שיך,
דער בארג שיך אין אשוויץ — א סאקרא־קער!
„וויטשעפן איצט, אמאל" — כ׳היץ מיך כ׳מאך מיט די הענט!
גאנצער ארום צערינען אין א טרער.

## באלאדע

— פאר דיין פלימעניקל —

וואס איז דאס אזא אנלויף אויפן מארק?
דער הייליקער בעל־שם אנגעקומען!
קינד און קייט האבן, ווי מיט א קייט שוין,
ס׳פערד און וועגעלע ארומגענומען.

דעם קמיעלע, א היעלע,
קארזשאך־ווארצלען, צנדלעך אויסצובייסן;
אט וואלגערט זיך א דבוק אויף דער ערד,
ווארט, אז ארויסגיין ער זאל אים הייסן.

און אין דעם „אויפן הימל א יריד"
שטייט א ייִנגיטשק גויקעלע אינמיטן;
פון איר בליק קומט ארויס אזא ווייטאק,
דאס פנים פון יסורים צעליטן.

ווי וועט זי וואגן מיט נאקעטע פיס
צו דעם הייליקן נאנט צוצוטרעטן?
אויף די קני וואלט זי געפאלן פאר אים,
ווי פארן „הייליקן בילד" געבעטן.

מיט איין בליק אלעמען נעמט ער ארום,
און אויף איינער בלייבט ער שטיין א ווײלע:
איבערן שטערן, ביז צו די אויגן,
פארוואָרפן א גויאישקע פאטשיילע —

„קום דאך אהער, שעם דיך נישט," רופט ער זי:
"די מאטקע ווײנט דאך פון דיינע אויגן!
דא האסטו א ווארצל־קזשאק, א וואלפס־צאן
און נישט נאר פאר ציינדלעך וועט עס טויגן".

מיט איין האנט נעמט זי און מיט דער צווייטער
וויל זי אויף איר הארץ מאכן א צלם;
פאר שרעק איז דער רוח פון דיבוק ארויס!
בלויז דער בעש"ט נישט ארויס פון די כלים:

„טאטע־פאטער, וידע כל פעול,
אז בלויז נאר דו אליין ביסט פאראנען".
און שטילינק, שעפטשענדיק זיך גענומען
דאס פערד און וועגעלע איינצושפאנען.

* * *

ניינציק יאר שוין אלט געווען דער פויער
ווען געזעען אמאל ס'האט אים מיין טאטע,
די ציין פון זיין מויל נאך ארויסגעקוקט,
ווי נייע שינדלען איבער א כאטע.

## א. מ. קייזער

## ירוחם דעם מלמד'ס פרנסות

(אויסצוג פון א גרעסערער הומאָרעסקע)

.. אז איך זאל אייך נעמען דערציילן פון די אלע פרנסות, וואס איך האב זיך געכאפט בעת איך בין אנגעקומען אין דער־א מדינה, וואלט אן האלבע נאכט נישט געסטייעט. געקומען בין איך נישט אליין, נאר מיט א ווייב און קינדער, און אלס צולאג — א שוויגער מיט א טשיפיק! איך בין געווען, ווי איר הערט, א רעכטער בעל־מטופל, געהאט די אמתע המוציא מיט האניק.

און אזוי ווי כמעט אלע מיינע לאנדסלייט דא האבן זיך גענומען צו דער נאדל, האבן זיי מיך אויך צוגערעדט דערצו. זאג איך צו זיי:

— איר זענט משוגע צי חסר־דעה? וואס ווייס איך פון א נאדל? חוצדעם בין איך גאר געשלאגן אויף דער ראיה; איך זע נישט, לא־עליכם, פאר די אויגן, און ביז איך וועל אריינציען א פאדעם אין דער נאדל, איז אויס ראש־חודש.

— ווער דארף ציען פעדעם ווער א מאשינער! — אזוי עצה'ן זיי מיר, און זיי דערציילן מיר, אז דאס גאנצע געניייעכץ ווערט דא געמאכט אויף א



מאשין, וואס גייט אויף „לעקטרע". מע דארף בלויז דעם בגד אונטערשטופן און ס'שטעפט זיך אליין.

בין איך, אין א מזלדיקער שעה, געווארן א מאשינער, א מאשינער אויף גאנצע צוויי טעג, ווייל אויפן דריטן טאג האב איך שוין געבענטשט גומל, וואס איך בין פון דער מאשין ארויס א גאנצער.

הערט א מעשה: ווי איך זיץ אזוי אריבערגעבויגן איבער דער מאשין און שטופ א מאנטל אונטער דער נאדל — א פרויען־מאנטל איז עס געווען — איז פלוצים פיל איך ווי די מאשין נעמט מיך אריינציען, אלץ מערער און מערער און איך קען שוין דעם קאפ נישט רירן.

מאך איך א געוואלד: „יידן, ראטעוועט!". האבן אלע אפגעשטעלט די מאשינען, און זיך געגעבן א לאז צו מיר, נאר א קוק טוענדיק אויף מיין פארצוף־פנים, האבן זיי זיך רעכט צעלאכט, געחוזקט:

— דער גרינער חסיד האט זיך צוגעטשעפעט צו א נקבה; ער האט די בארד זיינע צוגעטשעפע צו א „ליידיס־קאוט".

— זי וועט האבן א פיין שטיקל פוטער אויפן קאלנער.

— מלמדים־האר וועט איצט זיין די לעצטע מאדע!

און, אז מע האט זיך שוין גוט געהאט אנגעלאכט, האט דער „באס" געהייסן ברענגען די גרויסע שער. איצט, זאגט ער מיט זיין פאסקודנעם שמייכל, וועט מע מאכן „על המילה!", און ער האט די בארד מיינע פשוט מל געווען, אפגעשניטן פון דער מאשין און באפרייט דעם קאפ מיינעם. דריי־פערטל פון מיין בארד איז פארבליבן אויף דער פרויס מאנטל, בעת ביי מיר איז פארבליבן א מחק פון א בארד, א זכר־לחורבן!

אט אזא סך־הכל האט מע געמאכט פון דער שיינער בארד, וואס איך האב געבראכט פון דער היים א גאנצע. וואס די פוילישע האלערטשיקעס, די בערד־רייסער, האבן נישט באוויזן צו מאכן, האט א לאנדאנער מאשין געמאכט. נאר א דאנק דעם בורא דערפאר, ווייל איך בין אפגעקומען מיט נסים. וויפיל מיינט איר, האט געפעלט אז איך זאל בלייבן בלי־נאז?

— זאלן מיינע שונאים — האב איך געזאגט, — זיין מאשינערס. איך וועל זיך בעסער זוכן אזא מלאכה, פון וואס מע איז נישט אויסגעשטעלט מיטן לעבן.

און איך בין געווארן א משגיח אויף כשרות אין א כשרן רעסטאראן. וואס איך בין דארט אויסגעשטאנען, איז א מעשה פאר זיך.

## יוסף ד. באסט

## טרוימעריי

דאס איז געווען מיט דרייסיק יאר צוריק. איך בין דאמאלט געווען מיטארבעטער אין עטלעכע צייטשריפטן. מיין אינטערעס פאר מוזיק האט צוגעצויגן די אויפמערקזאמקייט פון איינעם פון די רעדאקטארן און ער האט אויף מיר ארויפגעלייגט א באזונדערע אויפגאבע. זי איז באשטאנען אין דורכפירן אינטערוויוען מיט אנגעזעענע ווירטואזן, וועלכע האבן באזוכט אונזער לאנד. איינער פון זיי איז געווען דער בארימטער יוגאסלאווישער וויאלאנטשעליסט, פאנברייטיטש.

דאס איז געווען א זקן פון איבער זיבעציק. זיין אויסזעען האט לחלוטין ניט אפגעשפיגלט די אדעלישקייט פון זיין שפילן; ער האט געהאט א פנים פון א טיפישן הויפקערער און אזא איז אויך געווען זיין אפשטאם. אויסער דעם איז ער געווען א קינסלער ווי אלע קינסטלער: מיט ליבע צו זיך אליין און צו זיין קונסט, מיט א שטענדיקן שעפערישן אומרו און מיט אן אייגענעם, אריגינעלן משוגעת.

פאנברייטיטשעס משוגעת איז באשטאנען דערין, וואס די צאלרייכע ביסן, וועלכע מען פלעגט ביי אים פאדערן, האט ער פארענדיקט שטענדיק מיט דער

זעלבער זאך: מיט שומאנס „טרוימעריי". נאך זיין אפשפילן אט די קליינע קאמפאזיציע האט מען שוין רואיק געקאנט פארלאזן דעם זאאל. ווייל נאך דער זאך האט ער שוין יענעם אוונט מער גארנט געשפילט.

אט דער קאפריז זיינער האט מיך אינטריגירט. ס'האט ניט אונטערליגט קיין ספק, אז אין זיין הינטערגרונט ליגט עפעס אן אינטימע איבערלעבונג, ווייל „טרוימעריי" כאטש חנודיק און ליריש געהערט דאך ניט צו די מייסטערווערק פון קורצע מוזיק־שאפונגען. איך וויל ניט באלעסטיקן דעם לייענער מיט דער אויסדייטונג פון די מיטלען, מיט וועלכע איך האב זיך באנוצט, כדי צו דערגרייכן מיין ציל. גענוג אז עס איז מיר געלונגען צו באקומען פון פאנבראטיטשן די פאלגנדע אויפקלערונג:

„איך האב דאס ערשטע מאל געהערט „טרוימעריי" אלט זייענדיק אכט יאר. מיין פאטער איז געווען הויפקערער אין א קליין שטעטל הינטער בעלגראד. בעת די זומערדיקע פעריען. ווען די באוואלדיקטע בערג זענען באדעקט געווען מיט גרינס, פלעגן אין דער ווילע אנקומען דאטשניקעס. אין איינעם א פרימארגן האב איך זיך דערנענטערט צו אן אפן פענצטער, פון וועלכן ס'איז דערגאנגען קלאוויר־מוזיק. ס'האט געשפילט א פריילן מיט לאנגע, שווארצע האר. ווען זי האט פארענדיקט און אויפגעשטאנען פונם אינסטרומענט, האב איך דערזען איר שיינעם. מילדן פנים. און זיך פארליבט. פארשטייט זיך כ'האב דערפון ניט געוואוסט. מיין ליבע צו דער פיאניסטין האט זיך אין מיר צענויפגעגאסן מיט דער גערירטקייט פון שומאנס ליד ..

פון דאמאלט־אן בין איך געווארן אן אפטער צוהערער פון מייקאס שפילן. זי האט דאס באמערקט געשמייכלט צו מיר און איינמאל מיך אריינגערופן אין שטוב. איך בין אין מיין שמוציק אנטועכץ געזיצן אויפן געבעטן פאטעל, האב געגעסן זיסקייטן און געהערט פיאנא־מוזיק. די זיסקייט. די מוזיק און דער שיינער פנים און שלאנקע געשטאלט פון דער ניינצן־יעריקער מייקא האבן מיר אריינגעבראכט אין א צושטאנד פון גליק. מיינע וויזיטן זענען געווארן טאג־טעגלעכע, מיין ליבע צו דער שפילערין איז געוואקסן און .. כ'האב אנגעהויבן טרוימען.

איך דארף איך זאגן, אז מיין קינדהייט איז געווען א ביטערע. כ'האב געהאט א טאטן א שיכור און א מאמע וואס האט מיך ניט געליבט. איך בין אפט געווען געשלאגן אפט קיין עסן ניט באקומען ארומגעלאפן שמוציק אן השגחה. אבער אויסער די ווירקלעכע אומפריינטלעכע וועלט האב איך געהאט נאך אן אנדערע — די וועלט פון מיינע פאנטאזיעס. איך — זייער העלד — האב אפט געטוישט מיינע דמיונישע פראפעסיעס כ'בין געווען א מיליאנער, א רויבער, א מכשף און — זייט איך האב מיך באקענט מיט מייקאן — א פיאניסט. און אויב ,איך בין היינט א וויאלאנטשעליסט און ניט א פיאניסט, איז עס בלויז דערפאר, ווייל ווען איך בין עלטער געווארן און אנגעהויבן ארבעטן, איז מיר לייכטער געווען צו קויפן אן אפגענוצטע פידל איידער א קלאוויר. און פון דער פידל בין איך שפעטער איבערגעגאנגען צו דער וויאלאנטשעלא.

ווען מייקא האט זיך מיט מיר באפריינדעט, האט זי אויף מיין בקשה געשפילט די דורך מיר אויסגעוויילטע זאכן און אלס די לעצטע — שטענדיק „טרוימעריי". צי דארף איך זאגן, אז כ'האב מייקאן אין מיינע טרוימען פון לאנג באשאנקען מיטן כבוד צו זיין מיין פרוי און צי דארף איך צוגעבן, אז איך האב אונזער פריינטשאפט, וועלכע איך האב אומבאוואוסטזיניק באנומען אלס קעגנזייטיקע ליבע, פארשטאנען ערנסט א קינד באנעמט שטענדיק ערנסט זיינע באציאונגען מיט אנדערע סיי אין דער ווירקלעכקייט סיי אין שפיל סיי אין זיינע פאר זיך אליין געשפינטע פאנטאזיעס. דאס איז דער אונטערשיד צווישן קינדער און דער־



וואקסענע, און דעריבער האב איך געמוזט זיך אנטוישן . .

דאס איז געשעען איינעם א פרימארגן, ווען צוגעקומען צו מייקאס פענצטער האב איך דערזען אין צימער לעבן איר אן עלעגאנט־געקליידעטן בחור. זי האט מיך באמערקט, צו מיר א שמייכל געטאן, אבער מיך ניט אריינגעבעטן. איך בין געווארן טרויעריק. כ'האב אומקלאר פארשטאנען, אז זי האט מיך היינט ניט אזוי ליב ווי שטענדיק, און באקומען א פארנעפלטן איינדרוק, אז דאס איז געבונדן מיט דער אנוועזנהייט פונם בחור. איך האב זיך דערווייטערט פון פענצטער אויף א פופציק טריט און שטיין געבליבן. כ'האב אומקלאר געפילט א שנאה צום עלעגאנטן, יונגנמאן, וועלכער האט מיר געשטערט צו געניסן פון מייקאס זיסקייטן, אירע מילדע רייד צו מיר און איר שפילן. נאך א פערטל שעה ווארטן האב איך זיי דערזען ארויסגייענדיקע פון שטוב. איך בין זיי מאכינאל נאכגעגאנגען. ווען מיר זענען אזוי זאלבעדריט ארויס אויף דער גאס, האט דער בחור אויסגעדרייט דעם קאפ און מיך דערזען.

— וואס קריכסטו אונז נאך?— האט ער בייז א פרעג געטאן. — טראג דיך אפ פונדאנען!

— מ'דארף ניט . . — האט אים מייקא געלאסן געמאכט א פארוואורף. זי איז צוגעגאנגען צו מיר, מיר א גלעט געטאן איבער דער באק און געזאגט:

— גיי, ליבער, שפילען זיך מיט אנדערע קינדער. ס'איז ניט שיין נאכצוקוקן דערוואקסענע.

כ'בין אוועק א פארשעמטער. אבער אפגעגאנגען א צען טריט, האב איך. ווי געצוואונגען דערצו אויסגעדרייט דעם קאפ. דאס, וואס איך האב דערזען, האט מיר פארדריקט ביים הארצן: דער בחור האט געהאלטן מייקאן ביים ארעם און זי .. זי איז געגאנגען מיטן קאפ אנגעבויגן אויף זיין אקסל . . .

צומארגנס אין דער פרי בין איך ווידער געווען לעבן מייקאס שטוב, אבער ניט געוואגט דערנענטערן זיך צום פענצטער. פונדערווייטנס האב איך געהערט איר שפילן, אבער ניט געוואוסט צי איז זי אליין ... נאך א געוויסער צייט האט דאס שפילן אויפגעהערט און פון צימער איז ארויסגעקומען דער באקאנטער בחור, ער האט זיך געווענדעט אין מיין ריכטונג און דערזעען מיך איז ער שטיין געבליבן מיט א רויט פנים און פארפרעסטע ליפן.

— ביסט ווידער דא, דו ראצער! טראג זיך אפ פונדאנען איידער איך דריי דיר אן די אויערן!

כ'האב אפגעטראטן א דערשראקענער, אבער נאך א ווײלע זיך אומגעקוקט. דער בחור האט זיך דערווייטערט. דאמאלט נאך איידער איך האב זיך אפגעגעבן דין־וחשבון פון דעם וואס איך טו, האב איך אויפגעהויבן א שטיין און א ווארף געטאן נאך אים. דער שטיין האט אים געטראפן אין דער פלייצע.

כ'האב זיך אויסגעדרייט און אנגעהויבן אנטלויפן. הינטער זיך האב איך געהערט זיינע האסטיקע טריט. ער איז שנעלער פון מיר און האט מיך דעריאגט. זיין האנט האט מיך אנגעכאפט פארן קאלנער פון העמד און אים איינגעריסן. ער האט אפגעלאזט דעם קאלנער, מיך אנגענומען פארן אויער און אים ווייטאקדיק אויסגעדרייט.

— פיר מיך צו דיינע עלטערן!— האט ער באפוילן.

און אזוי זענען מיר בײדע — מיט מיין אויער איינגעקלעמט צווישן זיינע פינגער — דערגאנגען צו אונזער כאטע. מיין מוטער האט אונז דערזעען דורכן פענצטער און איז ארויסגעקומען. דער טאטע איז אין שטוב ניט געווען.

מיין פייניקער האט מיך באפרייט און א וואונק געטאן צו מיין מוטער, געבנדיק איר צו פארשטיין אז ער וויל מיט איר רעדן.

— שטיי דא! — האט זי באַפֿוילן, וואַרפֿנדיק אויף מיר א בייזן בליק.

ביידע זענען זיי אריין אין דער כאַטע. נאך אַפּאר מינוט זענען זיי פון דארט ארויסגעקומען. מיין מוטער האט פאררוקט אין בוזעם עטלעכע באנקנאטן, וועלכע זי האט געהאלטן אין האנט און ער האט אריינגעלייגט זיין געלט־בייטעלע אין טאש. אויסמיידנדיק מיך, האט ער אויף מיר א קוק געטאן מיט פֿארניכטנדיקן שפאט

— ווארט דא ביז איך וועל קומען — האט געזאגט צו מיר די מוטער, גלאנצנדיק מיט אירע שלעכטע, פֿארזשמורעטע אויגן. כ'האב געווארט גאנץ לאנג. זי איז ענדלעך צוריקגעקומען, פֿירנדיק נאך זיך א טשערעדע קינדער.

מען האט מיך אויסגעצויגן אויף דער באנק לעבן דער כאטע און אינמיטן העלן טאג, הפקר פֿאר אלעמענס אויגן, אין דער אנוועזנהייט פון קינדער, וועלכע זענען ספעציעל פֿארזאמלט געווארן, כדי צו זען מיין שאנד האב איך באקומען פֿון מיין ביזן היינטיקן טאג געהאסטער מוטער, די העסלעכע שטראף ..

פלוצלונג איז א ווייטערדיקער געשריי דערגאנגען צו מיינע אויערן. כ'האב דערקענט די שטים פון מייקאן. זי האט זיך פון איר חתן דערוואוסט וואס דא קומט פֿאר און געקומען צו לויפֿן. זי האט ארויסגעריסן די רוט פֿון מיין מוטערס האנט, זי אפגעשטופט פֿון מיר און צעטריבן די קינדער. זי האט מיך אויפגעהויבן פון דער באנק מיר געהאלפֿן ברענגען זיך אין ארדנונג און ווען איך האב אויפֿגעהויבן די אויגן, האב איך דערזען איר פנים באגאסן מיט טרערן. זי האט געקנייט לעבן מיר, מיך ארומגענומען, געקושט און געוויינט צוזאמען מיט מיר.—

פון יענעם טאג אן האב איך מער מייקאן ניט געזען. איך האב שוין ניט געוואגט צו דערנענטערן זיך צו איר שטוב. נאר ווען דער זומער איז פֿארביי און די דאטשניקעס זענען זיך צעפֿארן בין איך יעדן טאג געווען ביים הויז, וואו זי האט געהאט געוואוינט שעהן לאנג ארומגעגאנגען הינטערן פארלאדנטן פֿענצטער, פֿארזונקען אין בענקשאפט נאך איר, איינגעהערט אין איר שפילן וואס האט געקלונגען אין מיין מוח און געטרוימט, געטרוימט ..

אט די בענקשאפט נאך מייקאן, מיין ערשטע און, דעם אמת געזאגט, איינציקע ליבע. אט די טרוימען אין וועלכע דאס בילד פֿון איר געשטאלט האט זיך געאייניקט מיט די טענער, וואס פֿלעגן ארויסשווימען פון אונטער אירע פינגער האבן אויסגעפֿורעמט מיין צוקונפֿט. שומאנס „טרוימעריי“ — פֿאר מיר דאס שענסטע ליד אין דער וועלט, ווייל מייקא האט עס אלעמאל געשפילט פֿאר מיר — איז פארבליבן אויף שטענדיק דער סימבאל פון מיין קינדהייט, דער סימבאל פֿון ליידן און טרוים, וועלכע שאפן דעם קינסטלער“.

**ש. י: דארפסאן**

## ש. איזבאן — אין העברעאיש

אינעם פֿארלאג „אחיאסף“, תל־אביב־ירושלים, איז דערשינען א בוך דערציילונגען פֿון דעם באקאנטן יידישן שרייבער שמואל איזבאן, א. נ. „מספּרי ניו־יארק“ איבערזעצט פון יידיש־אין העברעאיש, פון שמשון מעלצער. דאס איז ניט דאס ערשטע בוך פֿון ש. איזבאן, וואס דערשיינט פֿון יידיש־אין העברעאיש. א צאל פֿון זיינע פריערדיקע ראמאנען „די קעניגין איזבל“, למשל איז אויך דערשינען אין העברעאיש, אין דעם פריער־דערמאנטן פֿארלאג“.

אין דער יידישער ליטעראטור איז שמואל איזבאן באקאנט, ווי א קרעפֿטיקער ראמאניסט און אויף אנדערע שרייבערישע געביטן. ער איז א בן־בית ביים אלזייטיקן עמוד פֿון דער יידישער ליטעראטור.

אין דעם נייעסטן העברעאישן בוך זענען פאראן ניין גרעסערע דערציילונגען, וואס אנטפלעקן פארן לייענער אינטערעסאנטע, פּסיכאלאגיש־פֿארטראכטע פערזאנאזשן פון דער וועלט־שטאט ניו יארק. ס'איז א געזאמל פֿון אינטערנאציאנאלע מענטשן, יידן־ספרדים און אשכנזים; איטאליענער, דייטשן, כינעזער און פֿון אנדערע נאציאנאליטעטן, וואס פלאנטערן זיך ארום דעם גיגאנטישן שמעלצטאפּ וואס וויל זיי איינשלינגען, צוזאמען מיט זייערע צרות און ביסלעך פֿרייד, וואס זיי געפֿינען זעלטן אין זייער גרויען לעבן.

שמואל איזבאן איז א גוטער, ס'ווילט זיך אונטערשטרייכן — גלענצנדיקער באאבאכטער פון דעם אוניווערסאלן לעבן. ער קאן די מענטשן און זייערע אייגנארטיקע סביבות, געפּארט מיט קאנפליקטן און אויפֿברויזן, חלומות און דורכפֿאלן. אבער ש. איזבאנס שטארקייט איז ווען ער שילדערט די אריענטאלישע יידן, מיט וועלכע ער האט פסיכאלאגיש און גייסטיק זיך באהאפטן פֿון דער צייט, ווען ער האט געלעבט אין ארץ־ישראל. די דאזיקע אייגנארטיקע עדה לעבט אין דער ניו־יארקער וועלט־שטאט. זיי האנדלען און וואנדלען און זענען זיך מפרנס פֿון זייערע מאדערנע פרנסות. אבער זיי זענען פֿארבליבן, טיף פֿארווארצלט אין זייער אייגנארט, ווי דאס איז דער פאל מיט די כינעזער, שפאניער, דייטשן און איטאליענער.

הגם א צאל פֿון די דאזיקע דערציילונגען זענען שוין פריער געווען פֿארעפֿנטלעכט אין פארשידענע יידישע אויסגאבעס, זענען זיי אבער ניט דערשינען אין העברעאיש און זיי זענען פֿאר דעם העברעאישן לייענער נייע, אינטערעסאנטע שאפונגען, דורך זיי באקאנט ער זיך מיט א נייער, פֿאר אים אומבאקאנטער וועלט, פֿון וועלכער ער האט נישט געהאט די מינדעסטע השגה. בעיקר איז דאס געזאגטע נוגע דעם העברעאישן לייענער, וועלכער וועט דאנקבאר זיין איזבאנען פאר דער דאזיקער מתנה, אין אן אויסגעצייכנטער איבערזעצונג פֿון שמעון מלצר.



## אונזער אנגעצונדן ליכטל צו דער פופציקסטער שלום־עליכם יארצייט

ווילאנג איז ווי מיר האבן יום־טובדיק געפֿייערט און ברוב עם, דאס הונדערטסטע געבוירן־יאר שלום־עליכמס?

— קוים זיבן יאר — מיט באנקעטן, מיט מאסן־פֿארזאמלונגען און יעצט קיין איין פראגרעסיווע פארטיי אין לאנדאן וואס טוט נאך אקטיווע קולטור־ארבעט.

— די „קולטור געזעלשאפט“ ביי די פועלי ציון מאכט עס חצי שלי און חצי שלך — האלב יידיש, פאלאווינע ענגליש — פון די בונדישע, אנארכיסטישע, קאמוניסטישע, פון די אלע דריי גרופן איז נאך געבליבן א מזומן: „רבותי לאמיר בענטשן“. און ביי די יידיש־ליטעראַרישע שבת־נאכמיטאגס האלט עס אויך שוין באלד, אז מ'זאל דינגען „מנין מענטשן“.

איז דאך א שטיקל נחת־רוח וואס אחוץ אונזער „שלום־עליכם שבת“, וואס איז געפֿייערט געווארן אנצוהויבן דאס שלום־עליכם יאר, און אלע שבת ווערט געלייענט און וועט געלייענט ווערן א גאנץ יאר א קאפיטל שלום־עליכם, האט דער שרייבער־פֿאריין צוזאם מיטן וועלט־קאנגרעס געמאכט א לעבעדיקע צייטונג לכבוד דעם שלום־עליכם יארצייט; און דער בן־אורי צוזאם מיטן „דזשואיש קווארטערלי“ האבן איינגעארדנט אן אימפאזאנטן שלום־עליכם אוונט.

דאך — ווי בשפל המצב אונזער קולטור־ארבעט זאל נישט דא זיין!— זענען מיר מיטבאטייליקט אין דער גרויסער שלום־עליכם פֿייערונג, וואס נעמט איצט ארום די גאנצע וועלט, וואו ס'געפֿינען זיך נאר יידישע ישובים. טאקע קליין אונזער עולם, אבער גרויס די שמחה. אונזערע, אז מיר זענען מיטבאטייליקט. אין איר. אונזער ליכטעלע איז אויך אנגעצונדן צו דער פֿופציקסטער יארצייט פון אונזער גרויסן קלאסיקער שלום־עליכם.

## עלעק וואטערמאן

עלעק וואטערמאן איז געווען דער פירער פון לינקן פליגל פונם יידישן קלאסן־באוואוסטזיניקן ארבעטער, אויף וויפל מיר האבן נאך אזוינס אין אונזער ישוב דא אין ענגלאנד. אין זיין מויל איז מארקיסטישע טערמינאלאגיע און אפילו פראזעאלאגיע ארויסגעקומען יידישלעך, פאלקסטימלעך.

מיט עלעקס טויט איז דער פליגל געבליבן געלעמט, אויב נישט אינגאנצן אפגעהאקט. אזוי שטארבט ער אפ אונזער יידיש־רעדנדיקער גוף דא אבּרים־וויַיז.

וויאזוי דערלעבט מען טויט? וויאזוי קאן דער שטערבלעכער מענטש דער־לעבן טויט? אז מ׳איז געשטארבן, לעבט מען דאך נישט מער. מיטן טויט פון א נאנטן, א פריינט, דערלעבט מען איבערלעבט מען אים, דעם מאיעסטעט טויט.

## ערעקן, ע״ה

אויב דאס לעבן א חלום,\
איז דער טויט שוין זיין פתרון,\
און אויב א הארבע חידה,—\
דער אייביקער „מה יתרון״—

וועט דער טויט שוין לייכט און גרינג\
שווערן רעטעניש לעזן;\
אויפהערן וועלן אלע\
טעזן און אנטיטעזן.

ס׳איז דער טויט די סינטעזע,\
ער ענטפערט אלס פראגעס;\
פונם קאפ נעמט ער אראפ\
גרויל־זארג און גורל־דאגות.

וואס איז חלום, וואס איז ווארר,\
וואס איז טויט, וואס איז לעבן ?\
אלט ווי די וועלט די קשיא,\
ווער קאן די תשובה געבן?

געשטויגן און געפלויגן,,\
שווינדלדיק זיך אויסטויגן;\
טויט — איין רגע ס׳הארץ בלייבט שטיין —\
לעצטער שווינדל פאר אויגן!

אזא שלאכט־פעלד דאס לעבן,\
אן אייביקער געראנגל,\
קומט דער טויט מיט דער קאסע,\
יעדער פון אונז — א זאנגל.

״אשרי האש״, וואויל דעם מענטש\
ס׳געמוטשעט ביסל לעבן,\
אויסגעמליטשעטע קערנער,\
זיך גאנץ אוועקצוגעבן.

רויט לייכט ארויס די מאן־בלום,\
זיך וויגנדיק אין קארן,\
און פון געפלאכטענעם קראנץ,\
ליגנדיק אויפן ארון.



TOWER HAMLETS LIBRARIES

## וועגן יידיש-לשון אין לאנדאן

„אלס דיסערטאציע צוגעשטעלט אין סארבאנע אן ארבעט וועגן סאציא־לינגוויסטישע פארשונגען וועגן יידיש־לשון אין לאנדאן״. די ארבעט פון דער סטודענטין ניקאל זשארעס איז באַ־אורטיילט געווארן פון פראפעסאר דער־טשאנסקי, דאצענט פאר יידיש אויפן פאריזער אוניווערזיטעט און פון פרא־פעסאר קוליאלי אויף דער סארבאנע.

מ׳האט באדארפט זעען דעם נחת פון פראפעסאר דערטשאנסקי, וואס אויף זיין גורל איז אויסגעפאלן צו זיין דער שליח־מצווה און דווקא אין די שווערע גורל־יארן פון אונזער יידיש־לשון. אויך דער בארימטער לינגוויסט האט דערפילט אונזער יום־טובדיקייט און מיט אונז באמת זיך מיטגעפרדט. מ׳האט עס געקענט זעען אין זיינע אויגן, ס׳האט ארויסגעשפרודלט תלמיד־חכם־עספרי פון זיין בליק. איך בין דאנקבאר די צוויי חשובע פראפעסארן וואס כ׳בין געווען איינגעלאדן ביי דעם וויכטיקן געשעעניש, אין דער סארבא־נע אין פאריז.

מיט איבער זעכציק יאר צוריק האט מען שוין דער סארבאנע צוגעשטעלט א דיסערטאציע איבער יידיש און בא־קומען דערויף דעם דאקטאר־מיטל. און דאס איז געווען ד״ר פינעס און זיין דיסערטאציע איז שפעטער געווארן זיין בארימט בוך ״די געשיכטע פון דער יידישער ליטעראטור״.

ווינטש איך „דאס נעמלעכע״ דער יונגער סטודענטין פון דער סארבאנע, ניקאל זשאראס, צו אירע פארשונגען וועגן יידיש־לשון אין לאנדאן.

## א גוטער גרוס געברענגט פון דר. יעקב י. מייטלים

פון דר. יעקב י. מייטליס׳ גרוס פון זיין לעקציע טור איבער אמעריקע קאנאדע, מעקסיקע האבן מיר געהערט אז אויף פער־זאמלונגען ווו די רעדנער רעדן רק יידיש קומט אן עולם פון הונדערטער יידן כן ירבה.

מאמע יידיש איז נאך נישט טויט,\
ס׳איז נאך — לא אלמן ישראל!\
וואס אן אמת איז אן אמת\
ס׳איז טאקע נישט דאס וואס אמאל . . .

„כי לא על הלחם לבדו״\
מיט א ביסל עברית א לעק —\
העברעאיש, ענגליש, אוי יידיש\
מילא — זאל שוין זיין א דריי־עק . .

קאן א שפחה זיך איינרעדן ?\
ווי עס איז מוז נעבעך גוט זיין!\
ס׳קינד זאל לעבן זיין געזונט,\
וויל דען א מאמע עפעס מיין ?

א ברכה אויף דיין קעפעלע !\
לאמיר אלע זאגן אמן

ש.

---

טיף מיטלייד דריקן מיר אויס צו פריינט **שלמה ראזענפארב** איבער טויט פון זיין שוועסטער **חנה פעלדמאן**. פריינט פון יידיש־לשון.

י. ריכטיגער

# דער ווארשעווער געטא

דער טרויעריקער סוף פון ווארשעווער געטא אויפשטאנד וואס האט זיך געענדיקט מיט דער באמבארדירונג פון דער געטא און אומקום פון טויזנטער יידן, רופט ארויס די פראגע — צי דער אויפשטאנד דארף באטראכט ווערן אלץ אן אקט פון „קידוש השם“ אדער פון "מסירת נפש"? און אפשר גאר „זעלבסט־פארניכטונג“.

די ערשטע צוויי טערמינען זענען באנוצט געווארן, אין דער מיט טרערן און בלוט דורכגעווייקטער געשיכטע פון יידישן מארטירערטום, כדי אויסצודריקן דעם שטייגער פון אומקום. דער טערמין קידוש השם דריקט אויס די אידיי פון — פאלן אין קאמף קעגן טיראנען אדער באצווינגער,— אזוי ווי די חשמונאים זענען געפאלן, און דער טערמין מסירת נפש דריקט אויס די אידיי פון — זיך לאזן אומברענגען ניט שטעלנדיק קיין ווידערשטאנד צו די טיראנען אדער באצווינגער,— אזוי ווי חנה מיט אירע זיבן קינדער האבן געטוען. די ביידע פארעמס פון אומקום זענען הערואישע אקטן אין דעם באנעם פון יידישן פאלק. ווייל ביידע גרופעס האבן געקאנט בלייבן לעבן אויב זיי וואלטן אנגענומען דעם יווניש געצנדינסט.

אבער די זעקס מיליאן יידן, וואס דער היטלער גיהנם האט פארצוקט, האבן ניט געהאט די ברירה צו בלייבן לעבן. דעריבער פרעגט זיך — צי דער אומקום פון די ווארשעווער געטא העלדן דארף באטראכט ווערן אלס אן אקט פון קידוש השם, אזוי ווי דער אומקום פון די חשמונאים העלדן, כאטש די חשמונאים האבן געהאט א ברירה צו בלייבן לעבן און די געטא העלדן ניט. צי ווייל, זיי וואלטן יעדנפאלס אומגעקומען אין די גאז קאמערן איז זייער אומקום געווען א מסירת נפשדיקער, אזוי ווי דער אומקום פון חנה מיט אירע זיבן קינדער? צי ווייל עס איז געווען א אומזיסטער אויפשטאנד דארף מען אים רופן זעלבסט־פארניכטונג? אין אמתן איז, ניט די ברירה פון בלייבן לעבן די ריכטליניע פעסטצושטעלן אויב מען זאל אן אומקום אנרופן קידוש השם אדער מסירת נפש, ווידערשטאנד איז די ריכטליניע! יעדער ווידערשטאנד קעגן טיראנען און באצווינגער ווערט אנגערופן קידוש השם. ווייל דערמיט ווערט דערהויבן און געהייליקט דער נאציאנאלער גייסט אדער די שכינה אין די אויגן פון אנדערע פעלקער.

ווי מען זעט דאס פון קאמענטאר וואס די חכמי התלמוד האבן געמאכט אויף דער נביאות פון יחזקאל. יחזקאל הנביא ענדיקט דאס ערשטע קאפיטל פון זיין נביאות אויף דער מלחמה קעגן גוג ומגוג — „ונשפטתי אתו בדבר ובדם — איך וועל זיך משפטן מיט אים, מיט פעסט און מיט בלוט מיט פלייצרעגן און מיט האגלשטיינער, פייער און שוועבל וועל איך גיסן אויף אים און אויף די מחנות פון די פעלקער וואס וועלן זיין מיט אים, כדי איך זאל געגרויסט, געהייליקט און באקאנט ווערן אין די אויגן פון א סך פעלקער“ ... (יחזקאל ל״ח) קאמענטירט דערויף רבי שמעון בן יוחאי — "אין שמו של הקב״ה מתגדל בעולם אלא כשהוא עושה משפט ברשעים"— דער נאמען פון אלמעכטיקן ווערט נאר דעמאלט געגרויסט צווישן די פעלקער פון דער וועלט ווען ער טוט באשטראפן די רשעים, און ער ציטירט נאך אנדערע פסוקים פון תנ״ך אלץ באווייז. (ילקוט שמעוני יחזקאל ל״ח) דערפון איז קלאר אז מיטן טערמין קידוש השם ווערט אנגערופן אויפשטאנד און קאמף קעגן די רשעים.

פאקטיש האט טאקי דער ווארשעווער געטא אויפשטאנד און דער קאמף פון די ווארשעווער געטא העלדן קעגן די דייטשע בעסטיעס, דערהויבן און געהייליקט דעם נאציאנאלן גייסט אדער



די שכינה פון יידישן פאלק אין די אויגן פון די ציוויליזירטע פעלקער. פרעזידענט קענעדי האט אפיציעל איינגעשטעלט אין אמעריקע דאס געדענק טאג פון ווארשעווער געטא אויפשטאנד און דער אנדענקונגס טאג ווערט אויך געהאלטן אין אנדערע לענדער. עס איז דעריבער קיין ספק ניט, אז ווען ניט דער ווארשעווער געטא אויפשטאנד וואלט דער אומקום פון די זעקס מיליאן יידן העכסטנס באדויערט געווארן און אפשר אויך ארויסגערופן א געפיל פון רחמנות ביי די אנדערע פעלקער פון דער וועלט, ניט די באוואונדערונג און פארהערלעכונג פון נאציאנאלן גייסט, אדער די שכינה פון יידישן פאלק, ניט דעם קידוש השם.

אויסער דעם, איז מיטן געדענק טאג פון ווארשעווער געטא אויפשטאנד. אויך פאראייביקט געווארן דער אנדענקן פון די אומבאקאנטע קעמפער. צווישן די זעקס מיליאן יידישע קדושים זענען זיכער געווען צענדליקע טויזנטער מענער און פרויען, וואס האבן פארלוירן זייער לעבן בעתן ראנגלען זיך מיט די דייטשע בעסטיעס כדי צו באשיצן זייערע משפחות. דער איינציקער זכר פון זייער הערואיזם בליצט אמאל אויף אין די פארגיפטעטע מוחות פון די איבערגעבליבענע נאצים, וואס זענען דערביי געווען, און קומט צום אויסדרוק אין א טייוולאנישן גרימאס. די פארהוילענע העלדישקייט דינט איר תיקון אין דער באוואונדערונג און פארהערלעכונג פון נאציאנאלן גייסט אדער די שכינה פון יידישן פאלק אין געדענק טאג פון ווארשעווער געטא אויפשטאנד. זייער הערואיזם ווערט פאראייביקט צוזאמען מיטן הערואיזם פון די ווארשעווער געטא העלדן, ווייל זיי זיינען אויך געפאל בעתן פארטיידיקן דעם כבוד פון זייער פאלק.

דער געדענק טאג פון ווארשעווער געטא אויפשטאנד איז אויך א פארזיכערונג, אז אלע אומגעקומענע אין היטלער גיהנם וועלן ניט פארגעסן ווערן ווען טויזנטער יארן וועלן פארגיין און די מאנומענטן, וואס מען האט אויפגעבויעט צום אנדענקען פון די זעקס מיליא יידישע קרבנות, וועלן שוין לאנג האבן צונויפגעפאלן און פארשווינדן פון דער ערד, וועט נאך בלייבן דער געדענק טאג ביים יידישן פאלק פון ווארשעווער געטא אויפשטאנד, אזוי ווי פסח האט איבערלעבט די מאנומענטן פון גלות מצרים, אזוי וועט דער געדענק טאג פון ווארשעווער געטא אויפשטאנד איבערלעבן די מאנומענטן פון גלותדיקן אומקום. דער געדענק טאג פון ווארשעווער געטא אויפשטאנד וועט דערפאר אויך זיין אן אנדענקונגס טאג פון די זעקס מיליאן יידן וואס זענען אומגעקומען אין נאצישן גיהנם. צוזאמען מיט די העלדן פון ווארשעווער געטא אויפשטאנד און די צענער טויזנטער אומבאקאנטע קעמפער, וועלן זיי פאראייביקט זיין ביים יידישן פאלק. זייערע נעמען וועלן זיי פאראייביקט זיין ביים יידישן פאלק. זייערע נעמען וועלן אין משך פון צייט פארגעסן ווערן אבער זייערע נשמות וועלן בלייבן אומשטערבלעך, ווייל זיי זענען פארבינדן מיט דעם לעבנס מקור פון נצח ישראל, מיט דעם נאציאנאלן גייסט אדער די שכינה פון יידישן פאלק, וואס זיי האבן מיט זייער אין ברירהדיקן אומקום פארהייליקט.

אז דער אין ברירהדיקער אומקום, אזוי ווי דער פון דער היטלער עפאכע — וואס דער איינציקער וועג איז געווען דער טויט, ווערט ביים יידישן פאלק אויך פאררעכנט אלץ קידוש השם, איז א פעסטשטעלונג פון די חכמי התלמוד פון דעם פסוק — „ונקדשתי בתוך בני ישראל“ — כדי איך זאל געהייליקט ווערן צווישן די קינדער פון ישראל. (ויקרא כ״ב) דרינגען זיי ארויס אז מסירת נפש: לאזן זיך אומברענגען איז מער נאך מחויב ווען מען צווינגט איינעם צו „עבודה, זרה, גילוי עריות ושפיכת דמים“, ניט אויף אנדערע איסורים פון דער תורה. אבער ווען די באצווינגער אפערן ניט די ברירה פון שמד אדער טויט, נאר זיי

זענען אויסן צו הרגענען איינעם כדי צו קאנפיסקירן זיין פארמעגן, זאל ער ניט עובר זיי אפילו אויף אן איסור מדרבנן, כדי צו פּאציפיצירן די באצווינגער מיט דער האפענונג אז עס וועט געשעען א נס און זיי וועלן זיך מרחם זיין אויף אים, ער דארף וויסן אז א נס געשעעט נאר אומפארהאפט, דעריבער איז גלייכער ער זאל זיך לאזן אומברענגען ניט ברעכענדיק קיין געזעץ כדי ער זאל מיט זיין אומקום מקדש השם זיין. אזוי ווי די צוויי ברידער פפוס און יוליאנוס האבן געטוען קורץ פאר דעם בר כוכבא אויפשטאנד (תורת כהנים אמור פרק ט׳) דערפון איז צו זען, אז אויך דער אין ברירההדיקער אומקום ווערט ביים יידישן פאלק פאררעכנט אלץ א קידוש השם . . .

אין אמתן איז דער אומקום פון די זעקס מיליאן יידן געווען דער גרעסטער קידוש השם פון אלע צייטן. אז מען בלעטערט אדורך די עלעגיעס פון ערשטן און פון צווייטן הורבן, וואס געפינען זיך אין די קינות און אין מדרשים, דערוועקט זיך א מאיעסטעטישער יראת הכבוד פאר די אומגעקומענע אין היטלער חורבן, אין איינמאל דערזעט מען אז זיי זענען געווען א דור דעה — ציווילזירטע מענטשן פון דער העכסטער מדרגה. די וואגשאל פון אזא איינזען איז דער פארגלייך פון צוויי גרופעס מענטשן, וואס האבן זיך אין א געוויסער צייט געפינען אין אן אויסערגעוויינלעכער שלעכטער לאגע, און די גרופע וואס האט ניט פארלוירן איר מענטשלעכקייט איז וואגיק די בעסטע, על אחת כמה וכמה נאך ווען די גרופע וואס האט צו מיינסטן געליטן איז געבליבן מענטשלעכער פון דער גרופע וואס האט ווינציקער געליטן.

די אומדערטרעגלעכע צרות און פיין וואס די יידן האבן געליטן אין די קאנצענטראציע לאגערס, האבן זיכער ניט געליטן די יידן פון ערשטן חורבן, און כסדר דעם טויט פאר די אויגן, ווי זיי האבן געזען, האבן זיכער ניט געזען די יידן פון צווייטן חורבן, דאך האבן זיי ניט פארלוירן דעם צלם אלקים, די עלעמענטארע צורה פון מענטש, אזוי ווי די יידן פון ערשטן און פון צווייטן חורבן האבן פארלוירן. געיאגטע און געשלאגענע, בארועסע און נאקעטע, הונגעריקע און דארשטיקע זענען זיי געבליבן מענשלעך. די נאצישע טיראנען האבן געוואלט זיי זאלן דעגענארירט ווערן, מיט די טיירלאנישסטע מיטלען האבן די דייטשע בעסטיעס אונטערגעמינעוועט זייער מענשליכע באוווסטזיניקייט, דאך איז ניט געלונגען צו דעגראדירן זיי, אז זיי זאלן פארלירן די מענטשליכע ווירדיקייט.

דער פראפעסאר פון די איכה עלעגיעס קלאגט אויף די יידן פון ערשטן חורבן — „נתנו מחמדיהם באכל להשיב נפש“ — זיי האבן זיך איבערגעגעבן צו פראסטיטוציע פאר שפייז צו דערקוויקן זייער פארחלשטן לייב. (איכה א׳) אדער — „אם תאכלנה נשים פרים עללי טפחים“ — אז פרויען עסן די פרוכט פון זייער בויך, די נאר וואס געבוירענע. (איכה ב׳) און — „ידי נשים רחמניות בשלו ילדיהן, היו לברות למו“ — די הענט פון דערבארימדיקע מוטערס האבן אפגעקאכט זייערע קינדער געמאכט פון זיי א פאטראווע פאר זיך (איכה ד׳) עס איז קיין ספק ניט, אז דער הונגער אין מאנכע קאנצענטראציע לאגערס האט א סך פרויען געטריבן צו א ווילדן משוגעת, אזוי, ווי די פרויען פון ערשטן חורבן. אבער מען האט פון זער ווייניקע פאלן געהערט אז זיי זאלן זיך האבן פארקויפט פאר שפייז. צו שטילן זייער הונגער. אדער זיי זענען געווארן קאניבאלן, געגעסן די פרוכט פון זייער בויך, די נאר וואס געבוירענע נפללעך. און אוודאי, און אוודאי ניט האבן זיי געבראטן און געפרעגלט זייערע קינדער צו האבן א געשמאקע מאלצייט פאר זיך.

ווען קיין מילך איז ניט מער געווען



אין זייערע ברוסטן האבן זיי געלאזט די קינדער זייערע, אויסציען דאס בלוט פון זייער הארץ כדי ניט צו זען ווי זיי גיין אויס פון הונגער.

און וועגן דעם צווייטן חורבן ווערט געזאגט אי די מדרשים, אז זיי האבן פארראטן דאס פאלק און לאנד פאר געלט ווייל זיי האבן איינער דעם אנצווייטן פיינד געהאט בחנם. (בבלי יומא ט׳ ירושלמי יומא) אמת בעתן היטלער חורבן זענען אויך געווען א געוויסע צאל יידן, וואס האבן פארראטן די איינוויינער פון זייערע שטעדטלעך פאר געלט. זיי זענען געווארן קאפּיס אדער יודן־ראט מענער און געהאלפן די דייטשע מחבלים בארויבן און אויסמארדן דאס יידישע פאלק. מיט צוויי יאר צוריק האט א יידישע שרייבערין ארויסגעגעבן א בוך אין אמעריקע אין וועלכן זי דערציילט וועגן די יידישע ווערם, וואס האבן געפרעסן דעם יידישן קערפער בעת דער חורבן קראנקייט. און מיט עטלעכע וואכן צוריק האט א יידישער שרייבער פארעפנטלעכט א בוך אין פראנקרייך אין וועלכן ער זאגט, אז דער קאנצענטראציע לאגער פון טרעבלינקע איז אנגעפירט געווארן פון יידישע פאראזיטן וואס האבן זיך געקארמעט מיטן אייטער פון די יידישע מכות.

אבער מען דארף ניט פארגעסן, אז דער גרעסטער טייל פון די ביריאים זענען נאך פאר דעם חורבן געווען דאס אויסוואורף פון יידנטום, נאכאלניקעס, בארדעלניקעס, און זייערע גלייכן. ווען אין דער צייט פון צווייטן חורבן זענען געווען די פאררעטער פון יידישן פאלק א טייל פון דער אנטעליגענץ, ווי יוסיפון פלאוויוס, רבי יוחנן בן זכאי און דעסגלייכן. צו דער הויכקייט אין היטלער חורבן, אז די בוגדים זאלן נאר זיין דאס פסולת פון פאלק, האט אליין דאס יידישע פאלק דערגרייכט, ניט קיין אנדער פאלק. דער שלאנגען גיפט פון די נאציס איז ניט בכח געווען אדורכצוברענען דעם פאנצער פון מענטשלעכקייט מיט וועלכן דאס יידישע פאלק האט זיך באשיצט אין משך פון דורות. א דורכצוגיין די שבעה מדורי גיהנום, ווי דאס יידישע פאלק איז אדורכגעגאנגען, און ארויסגעקומען מיט דעם צלם אלקים, ווי דאס יידישע פאלק איז ארויסגעקומען, איז טאקי דער גרעסטער קידוש השם. דער גרעסטער נצחון פון נאציאנאלן גייסט אדער די שכינה פון יידישן פאלק.

איינע פון די שטעכעדיקסטע קשיות, וואס מען האט געפרעגט און מען וועט פרעגן, איז — פארוואס האט זיך ערשט נאך דריי און א האלב יאר דייטשע באזעצונג, אין יאנואר 1943 אנגעהויבן דער ווארשעווער געטא אויפשטאנד? אבער דער איינציקער און אמתדיקער ענטפער איז — אז די סיבה איז געווען דער גלויבן אין מענטשלעכקייט. ניט קוקנדיק וואס עס האבן אריינגעדרינגען דורך די געטא ווענט קלאנגען וועגן די ברוטאלע מעשים פון די נאציס, מען האט אויך געהערט וועגן גאז קאמערן און אנדערע פארניכטונגס פלעצער, דאך האט דער שכל הישר בשום אופן ניט געוואלט מודה זיין אז דאס דייטשע קולטור פאלק איז באמת פארוואנדלט געווארן אין א מחבל. און ווען אפילו יא, האט מען געטענהט — וועלן די אנדערע פעלקער פון דער וועלט דאס צולאזן? אזוי זענען פון טעג געווארן וואכן, פון וואכן — חדשים און פון חדשים — יארן. דערווייל איז אונטער דעם שאטן פון טויט אנגעגאנגען דער מלחמה שאכער מאכער אין גאסן פון דער געטא און דער געראנגל צווישן די פארטייען פאר „מי בראש“ ווער עס זאל שטיין אין דער שפּיץ פון אן אויפשטאנד.

זענען דען אנדערע פעלקער פריער געקומען צום באוווסטזיין? אדער וועלכע אנדערע באזעצטע באפעלקערונג פון א באזעצט לאנד האט אפילו אזוי שפעט אנגעהויבן אן עפנטליכן קאמף — א רעגולערע מלחמה קעגן די נאציס? אמת אין יעדן לאנד איז געווען אן אונטערגרונד באוועגונג און פאר־

טיזאנען קאמפֿער. אבער מען קאן די גערילע אנפאלן, ווי העלדיש זיי זאלן ניט האבן געווען, ניט פֿארגלייכן צו די שלאכטן וואס זענען פֿארגעקומען בעת דעם קורצן ווארשעווער געטא אויפֿשטאנד. אפֿילו דער פאלקס אויפֿשטאנד אין יוגאסלאוויע איז ניט צו פֿארגלייכן צום ווארשעווער געטא אויפֿשטאנד. די יוגא סלאוון האבן באקומען מאדערנע וואפֿן פון די אליאירטע און זייענדיק פֿארשאנצט אין בערג, וו אויך זייערע פֿרויען, קינדער און פארוואונדעטע האבן זיך געפֿונען, איז פאר זיי מעגלעך געווען צו באקעמפֿן דעם שונא מיט סוקסעס.

דעריבער אזוי לאנג ווי די פירער פֿון דער ווארשעווער געטא האבן געגלויבט אז עס איז נאך פארן א מעגלעכקייט צו בלייבן לעבן, האבן זיי ניט געוואלט אנהויבן א פֿאראויסזעענדיקן פֿארלוירענעם קאמף. ערשט ווען עס איז ביי זיי ניט מער געווען קיין מינדסטער ספק, אז די דייטשע בעסטיע וועט זיי, זייערע פֿרויען און קינדער פארניכטן, האבן זיי באשלאסן צו נעמען באצאלט פֿאר זייער לעבן און דעם לעבן פֿון זייערע משפחות וויפֿיל עס וועט נאר מעגלעך זיין. יעדער איינער פון זיי האט אונטערדריקט אין זיך די נאטירלעכע האפֿענונג, טאמער וועט אים געלונגען צו אנטרינען פֿון אומקום אויב ער וועט שפענדן זיין צייט אויסצוטראכטן תחבולות זיך ארויס צו גנבענען פון דער געטא, און אנשטאט דעם גענומען אויספֿירן דעם גרעסטן אקט פון קידוש השם: „תמות נפֿשי עם פלישתים“.

---

## מאיר באגדאנסקי

# דער ציל פֿון דער פייערונג

יאר יערלעך קומען מיר זיך צונויף און פֿייערן דעם אנדענק פֿון אונזערע 6 מיליאן קדושים, ביי דער געלעגנהייט פונעם יארטאג פֿון דעם אויפֿשטאנד אין ווארשעווער געטא.

אבער אויפשטאנדן זיינען פֿארגעקומען אין אסאך געטאס און אין אסאך קאנצענטראציע לאגערן. די יידישע ענציקלאפאציע ווייסט צו דערציילן וועגן 32 — לייען און שרייב 32 אויפשטאנדן אין געטאס און קאנצענטראציע לאגערן. אבער אזוי ווי דער אויפֿשטאנד אין ווארשעווער געטא איז פארט געווען דער גרעסטער אין אלע הינזיכטן און האט אויך געהאט דעם גרעסטן אפקלאנג אין דער וועלט איז דער טאג פֿון זיין אויסברוך געווארן די סימבאלישע יארצייט אין וועלכער מיר דערמאנען אלע אויפֿשטענדלער אין אלע געטאס און קאנצענטראציע לאגערן; און איז אויך די סימבאלישע יארצייט פֿאר אלע 6 מיליאן קדושים אונזערע.

אבער וואס אייגנטליך איז דער זין פֿון אט דער פייערונג? צי קומען מיר
אדער כדי צו לויבן די ווידערשטענד־
זיך צונויף בלויז צו טרויערן בציבור?
לער פֿאר זייער גרויסקייט? ניין. פונקט אזוי ווי קיינער פון אונז, וועלכער איז דארט נישט געווען, קען נישט באנעמען די ליידן וואס זיי זיינען אויסגעשטאנען — אזוי קענען מיר נישט דערשאצן זייער גרויסקייט — און זיי נויטיקן זיך נישט אין אונזער לויב. און כאטש דעם טרויער פון אונזערע הערצער קען גארנישט באזייטיקן — איז אויך דאס אליין אויך נישט דער ציל פֿון אונזער צונויפֿקומען זיך דא. ביי אונז יידן איז פֿאראן דער מנהג פון גיין אויף קבר אבות און אפהאלטן די יארצייט נאך די פֿארשטארבענע. מיר דערמאנען זיי אויך אין די ימים טובים און בעת שמחות. נישט כדי צו פארביטערן זיך אונזערע שמחות און ימים טובים, נור כדי זיך גייסטיק צו באהעפֿטן מיט זיי. כדי צו געדענקן אונזער „מאין אתה בא“ פון וועמען מיר שטאמען אפ. זיי האבן פאר אונז אויסגעפֿלאסטערט א וועג. און אז מען פֿארט אדורך א ליניע צווישן די צוויי



פֿונקטן — פון זייער פֿארגאנגענהייט און אונזער קעגנווארט — איז לייכטער צו געפֿונען דעם דריטן פֿונקט, דעם "לאן אתה הולך" — וואהין דארף מען גיין. און אז קיין קברים פון זיי זיינען נישט פאראן — קומען מיר אהער דא, צו די 6 אנגעצונדענע ליכט — דאס איז אונזער קבר אבות.

זייט יארן גייט אן א געשריי, אז עס איז געקומען שוין די צייט צו פאר־געסן די מעשים טעטעים און צו פאר־געבן די וועלכע האבן זיי אויפֿגעטון. מיילע, אז די דייטשן וואלטן שוין זייער גערן פֿון דעם ענין פטור געווארן — דאס איז צו פארשטיין. אבער די נישט דייטשן, וועלכע לאזן זיך אזוי הויך הערן — וואס האבן זיי דערוועגן צו זאגן? פארגעבונג אז טאקע א גרויסע א גרויסע מעלה, אבער וואס איז דער ציל דערפֿון? דער ציל איז צו געבן דעם פֿארברעכער א מעגלעכקייט צו ווערן א נוצלעכער און גוטער מענטש און דערמיט. אויף וויפיל דאס איז מעגלעך, גוטמאכן די עולה וועלכע ער האט געטון זיין קרבן. אבער מען לויפֿט נישט בעטן ביים פארברעכער, אז ער זאל טון די געפעליקייט און אננעמען די פֿארגעבונג. אויף פֿארגעבונג מוז ער זיך פארדינען און אויך בעטן. אבער האט ווער פון די וועלכע האבן אויסגעפֿירט דידאזיקע ווילדע טאטן, איבער די וועמענס אנדענק מיר פֿייערן היינט, אויסגעדריקט זיין חרטה? האט שוין ווער פון זיי געבעטן פארגעבונג? טויזנטער און טויזנטער פֿון אט די מנוולים לעבן אין דייטשלאנד און אין אנדערע לענדער א גוטן טאג און זיי האבן נישט דעם מינדעסטן געוויסנביסן. עס ווערט דאך פֿשוט א חרפּה צו זיין א מענטש ווען מען קוקט זיך צו ווי דאס הייפֿעלע פון זיי, וועמען עס איז געלונגען צו ברענגען צו געריכטלעכער פאראנטווארטלעכקייט, האבן אויף זייערע געריכטס פראצעסן נישט ארויסגעוויזן קיין ניצוץ פֿון חרפּה און פון חרטה, קיין ניצוץ פון שולדגעפֿיל ווען עדי ראיה האבן דערציילט וועגן די שוידערלעכע זאכן וואס זיי האבן אפגעטון.

די זאך איז אבער, וואס קיין אנדערע וועלט ווי די אין וועלכער מיר לעבן האבן מיר נישט. און אין דער וועלט זיינען מיר א קליינטשיקער וועלט. צאלמעסיק זיינען מיר אזוי גרויס ווי א טראפן אין ים. און אונזער דערפֿארונג לערנט אונז, אז אין א וועלט פֿון רשעות ווערן מיר טאקע אומגעברענגט. און אונזער איינציקע האפנונג איז, אז דאס רשעות וועט פֿארשווונדן און אז די צייט פון פֿארגעבונג וועט קומען א יידיש ווערטל זאגט „אויף פֿארגעבונג שטייט די וועלט“.

גאר אן אנדערע זאך איז אבער מיט פארגעסן. אויב פארגעבן איז א מעלה — איז אבער פֿארגעסן א פֿארברעכן נישט נור טאר מען נישט פֿארגעסן, נור מען טאר נישט אויפהערן צו דערמאנען אונזער חורבן. דעם דייטשן פֿאלק און אלע פֿעלקער; נישט ווי א פארוווּרף — נאר צו ווארענען צו ווארענען אז קיין שום פֿאלק איז נישט אימון צום באציל פון וואנזיניקער שנאה. און אז איראציאנעלע שנאה קען דערפירן יעדעס פֿאלק, אומאפהענגיק פֿון דער הויכקייט פֿון זיין קולטור, צו דער זעלבער דעגענעראציע צו וועלכער די דייטשן זיינען דערפירט געווארן.

און אויך זיך אליין מוזן מיר כסדר דערמאנען וועגן דעמדאזיקן חורבן אונזערן. אונזער יוגנט — די יידישע יוגנט — דא אין ענגלאנד ווייסט גארנישט וועגן דעם ביטערן קאפיטל פֿון אונזער איצטיקער געשיכטע. אפילו די דא געבוירענע פֿונעם זעלבן דור וואס מיר ווייסן נישט דערוועגן און באציען זיך דערצו ווי עס וואלט מיט זיי קיין שום שייכות נישט געהאט.

די, וועמענס הייליקן אנדענק מיר פייערן דא היינט, רופן צו אונז, נישט נאך קיין נקמה און נישט נאך קיין טרערן. זיי רופֿן צו אונז אז מיר זאלן נישט לאזן אפמעקן אזא גרויסן שבט בישראל. און ווייל דאס איז די איינציקע וועלט, וועלכע איז געגעבן געוואר־

רן פאר אלע מענטשן צו לעבן אין איר — אז עס גארנישט אויסער דעם מענטשלעכן שכל צו גלויבן, אז די מענטשן וועלן סוף כל סוף איינזען, אז זיי האבן מער צו געווינען פון טאלערירן איינער דעם צווייטן און איין גרופע דער צווייטער, ווי פון האסן זיך. און לאמיר האפן אז אונז וועט געלונגען אנצוהאלטן אונזער אזוי גרויסע קולטור ירושה. און ווען ס׳וועט קומען דער טאג ווען אומעטום — אויפן גאנצן ערד קיילעך — וועלן אלע פעלקער מארשירן — נישט אונטער די קלאנגען פון מיליטערישער מארשן און מיט מלחמה וואפן — נור ווי גלייכע מיט גלייכע וועלן זיי דעמאנסטרירן אויף דעם ברידערלעכסטן אופן זייערע קולטור דערגרייכונגען, וועט אין דעמדאזיקן מארש אויך „א פויק טון אונזער טראט" — און צו אונזערע 6 מיליאן קדושים וועלן מיר קענען זאגן „מער זיינען דא".

## ייווא טעטיקייט אין ענגלאנד

מיט א קורצער צייט צוריק איז אפגעמערקט געווארן אין ניו־יארק דער 40־יאריקער יובל פון יידישן וויסנשאפטלעכער אינסטיטוט — ייווא, וועלכער איז געגרינדעט געווארן אין 1925 אין ווילנע.

די הייאריקע ייווא־קאנפערענץ, וואס האט באצייכנט אפיציעל דעם יובל פון פערציק יאר ייווא, האט געגעבן א געלעגנהייט צו מאכן א סך־הכל פון דעם ייווא אויפטו און טעטיקייט אין די פארגאנגענע יארן. א ריי באקאנטע היסטאריקער האבן באריכטעט וועגן די דערגרייכונגען פון ייווא אין דער צייט. עס זיינען אין די טעג פון דער יובל־קאנפערענץ פארגעקומען א ריי אפענע זיצונגען פון די פארשיידענע וויסנשאפטלעכע סעקציעס ביים ייווא און עס איז אין בנין פון ייווא אין ניו־יארק געעפנט געווארן א גאר אינטערעסאנטע אויסשטעלונג פון דאקומענטן און בילדער וועגן אימיגראציע פון מזרח־אייראפעישע יידן במשך פון די לעצטע הונדערט יאר.

די יידישע פרעסע אין ניו־יארק האט אויספירלעך איבערגעגעבן וועגן דער ייווא־קאנפערענץ און אויך וועגן די אויפטועס פון דעם אינסטיטוט אין די יארן 1925־1965, וואס געהערן אגב צו די וויכטיקסטע און רייכסטע אין אונזער געשיכטע. גענוג צו דערמאנען דעם יידישן חורבן אין אייראפע, דעם נס פון מדינת ישראל און דעם איבערגאנג פון דעם גרעסטן יידישן צענטער פון פוילן קיין אמעריקע.

מיר וועלן ניט אריינגיין אין פרטים וועג די אויפטוען פון ייווא אין ערשטן פעריאד אין ווילנע, שפעטער אין ניו־יארק. מיר ווילן נאר ביי דער געלעגנהייט דערמאנען די ביבליאטעק און ארכיוו, וואס געהערן צו די רייכסטע זאמלונגען, וואס מיר פארמאגן היינטצוטאג אין דער יידישער וועלט, די הונדערטער אויסגאבעס פון ייווא אויף פארשיידענע וויסנשאפטלעכע טעמעס און ועל כולם, דער וויכטיקער פאקט, וואס דער ייווא האט אריינגעפירט די יידישע וויסנשאפט ווי אן ארגאניזירטן נאציאנאלן כוח אין דער יידישער געזעלשאפט.

נאכן חורבן איז צוגעקומען א באזונדער קאפיטל פון זאמל־ און פארש־ארבעט, דאס איז אין שייכות מיט דעם גרויסן יידישן חורבן אין דער נאצי־תקופה. עס זיינען פון ייווא ארויסגעגעבן געווארן א גרעסערע צאל ווערק וועגן חורבן, א חוץ דעם גייסט אן במשך פון יארן א בשותפות׳דיקע פארש־ארבעט אויף דעם געביט צווישן ייווא אין ניו־יארק און יד ושם אין ירושלים.

די דערגרייכונגען פון ייווא אין די פערציק יאר זיינען אן ספק א גרויס היסטאריש געשעעניש, מיר פרייען זיך מיט דעם גרויסן דערפאלג און האפן, אז אויף להבא וועלן די דערגרייכונגען זיין ניט קלענער ווי ביז איצט.

מיר אין לאנדאן האבן היינט א באזונדערע סיבה צו דערמאנען די טעטיקייט פון דעם לאנדאנער אפטייל פון ייווא, דאס איז אין שייכות מיט דעם בוך „יידן אין ענגלאנד", וואס האט זיך באוויזן אין דער צייט פון דער יובל־קאנפערענץ אין ניו־יארק. דאס איז פאר אונז אין לאנדאן א יום־טוב פאר זיך, און אזוי ווי מיר האלטן פון אלטן כלל — אין מערבין שמחה בשמחה, וועלן מיר טאקע זיך אפשטעלן מער אויף דער ייווא־טעטיקייט פון ייווא אין אונזער לאנדאן.

עס איז וויכטיק צו דערציילן אין אלגעמיין וועגן דער טעטיקייט פון לאנדאנער ייווא שוין צוליב דעם, וואס א לענגערע צייט האבן מיר ניט באוויזן צו רופן אן אלגעמיינע פארזאמלונג כדי צו באריכטן וועגן אונזער ארבעט.

א ודאי וואלט מען אפטער געדארפט באריכטן וועגן אונזער טעטיקייט, עס וואלט אויך וויכטיק געווען ארויסצוגעבן פון צייט צו צייט א ביולעטין מיט איינצלהייטן וועגן אונזערע אויפטוען. דאס איז לוידער ניט געשען צוליב פארשיידענע שטערונגען און סיבות, וועגן וועלכע מען דארף דערמאנען.

א ריי יארן האבן מיר געהאט אונזער לאקאל אויף יוסטאן ראוד, דאס איז געווען א באקאנטער אדרעס און א צענטער פאר אונזער ארבעט. אבער שוין איניקע יאר ווי מיר האבן געמוזט פארלאזן דעם לאקאל, די הייזער פון דער גאנצער געגנט זיינען פונאנדערגענומען געווארן און מיר זיינען געבליבן אן אן אדרעס.

א צווייטע סיבה פון אונזער צייטווייליקער סטאגנאציע איז געווען דאס כסדר׳דיקע אפשטארבן פון א צאל טיכטיקע און אקטיווע מיטגלידער. ליידער איז זייער פלאץ געבליבן ביז היינט ליידיק, ניטא די נייע מענטשן, וועלכע זאלן איבערנעמען די אחריות און זיין טעטיק לטובת דעם ייווא אין לאנדאן.

ניט האבנדיק צו דעם קיין געזיכערטן בודזשעט, וואלט דער ייווא אין לאנדאן, אגב דער איינציקער ייווא־אפטייל אין אייראפע, געדארפט זיך שוין לאנג ליקווידירן. אבער ניט געקוקט אויף די אלע שטערונגען, האבן מיר מיט דער הילף פון געציילטע און איבערגעגעבענע מענטשן, באוויזן ווייטער צו עקזיסטירן און ווייטער צו פירן די ארבעט.

מיר האבן אפעלירט צו א ריי אינסטיטוציעס וועגן אן אדרעס פארן היגן ייווא. אפגערופן האט זיך די „ווינער לייברערי", וועלכע האט מסכים געווען אריינצונעמען אונז אין זייער אייגן בנין, זיי האבן געוואוסט ווי וויכטיק עס איז ווייטער צו פירן די ייווא־טעטיקייט אין לאנדאן. דאס איז אגב די א יידישער אינסטיטוציע אין לאנדאן, אן אדרעס מיט אלע באקוועמלעכקייטן, גרעסטע שטיצע, וואס מיר האבן פון וואס קאסט ניט קיין איינאיינציקע פעני. אן דער הילף וואלטן מיר שוין לאנג ניט עקזיסטירט;

עס איז פאר אונז א גרויסע פרייד צו באריכטן וועגן דעם באנד „יידן אין ענגלאנד", וואס איך האב שוין פריער דערמאנט. צוויי צענדליק יאר זיינען אין לאנדאן געמאכט געווארן באמיונגען ארויסצוגעבן א בוך וועגן יידן אין ענגלאנד, אין די יארן 1880־1915. עס האט זיך געהאנדלט דער עיקר וועגן דער השפעה פון די יידישע אימיגראנטן פון מזרח־אייראפע אויף דעם לעבן פון יידן אין דער מדינה. עס האט גענומען א לאנגע צייט, אבער מיר האבן דערגרייכט אונזער ציל. דאס בוך איז ארויס אין ניו־יארק, מיט דער מיטהילף פון אמעריקאנער ייווא.

דער אינהאלט פון בוך איז פאלגנדיקער :

אהרן שטיינבערג —— אריינפירווארט,

ד. ב. האלפערן —— יידישע אימיגראציע קיין ענגלאנד,

יעקב הדס —— צו דער געשיכטע פון דער ענגליש־יידישער פרעסע,

יוסף פרענקעל —— פון דער ענגלישער חיבת־ציון־באוועגונג ביז צו דער באלפור־דעקלאראציע,

ב. האמא — אָרטאָדאָקסיש יידנטום,

איגנאַץ מייבוים —— רעפֿאָרמיזם און קאָנסערוואַטיזם אין ענגלישן יידנטום,

פֿ. ל. ס. קווין —— אַ קאַפּיטל אין דער געשיכטע פֿון יידישער דערציונג אין ענגלאַנד,

אָרטשיבאַלד זיגלער —— דער יידישער צושטייער צו קונסט אין ענגלאַנד,

ש. י. האַרענדאָרף —— יידיש טעאַטער אין ענגלאַנד,

מיכאל זילבערבערג —— קריסטלעכע מיסיעס און מיסיאָנערן אין ענגלאַנד,

אהרן ר. ראַלין —— בלעטלעך צו דער געשיכטע פֿון דער יידישער אַרבעטער באַוועגונג אין ענגלאַנד,

ז. שייקאָווסקי —— יידישע דיפּלאָמאַטיע — קאַטאַלאָג פֿון דער דוד מאָרושאָוויטש קאָלעקציע אין ייוואָ —.

אַ וואָרט וועגן דער לעצטער אַרבעט פֿון ז. שייקאָווסקי. דער קאַטאַלאָג באַשטייט פֿון פּערזענלעכע דאָקומענטן, אַרבעטן און קאָרעספּאָנדענץ פֿון לוסיען וואָלף, פּערזענלעכע דאָקומענטן, קאָרעספּאָנדענץ און אַרבעטן פֿון דוד מאָרושאָוויטש, דאָקומענטן פֿון „פּאַריז דזשוינט קאָמיטי" אין לאָנדאָן. די גאַנצע זאַמלונג איז פֿאַרטיילט אין 171 טעקעס, וואָס באַשטייט פֿון 28,433 בלעטער.

ביז דער צייט, ווען מיר האָבן אין הסכם מיט דער צוואה פֿון פֿאַרשטאָרבענעם דוד מאָרושאָוויטש איבערגענומען פֿון דער אלמנה דעם גרויסן אוצר, איז אין לאָנדאָן ניט געווען קיין איינאיינציקע אינסטיטוציע. וואָס זאָל זיך אינטערעסירן מיטן אָפּהיטן היסטאָרישע זאַמלונגען פֿאַר דער צוקונפט. מיר זיינען באמת שטאָלץ, וואָס די דאָקומענטן, ווי אַ סך אַנדערע היסטאָרישע זאַמלונגען, האָבן מיט דער הילף פֿון ייוואָ, באַקומען דעם ריכטיקן תּיקון. עס איז געשען אַ נס, וואָס די אותיות פֿורחות זיינען אָפּגעראַטעוועט געוואָרן פֿאַר דער יידישער פֿאָרשונג.

שוין יאָרן ווי מיר טוען אַ זייער וויכטיקע אַרבעט אין די פּוילישע אַרכיוון אין לאָנדאָן. דאָרט געפֿינען זיך גרויסע זאַמלונגען וועגן חורבן פֿון יידן אין פּוילן און שכנות'דיקע לענדער. די דאָקומענטן ווערן פֿון אונדז צוגעגרייט און איבערגעשיקט צום ייוואָ אין לאָנדאָן און יד ושם אין ירושלים. דאָס איז אַ זייער דעליקאַטע אַרבעט, וואָס ווערט אָן איבעררייס געפֿירט די גאַנצע צייט.

פֿאַראַן אַ צווייטע וויכטיקע אַרבעט, וואָס דער ייוואָ אין לאָנדאָן פֿירט אויס אין משך פֿון יאָרן. עס ווענדן זיך צו אונדז כסדר יורשים מיט דער בקשה איבערצונעמען ביכער און אַרכיוון, וואָס זיינען פֿאַרבליבן נאָכן טויט פֿון זייערע עלטערן. דאָס זיינען אָפֿט אוצרות, וואָס די פֿאַרשטאָרבענע האָבן געזאַמלט זייער גאַנץ לעבן, ממש אַפֿילו מיטגעבראַכט מיט זיך פֿון דער אַלטער היים.

מען דאַרף דאָ ניט ריידן וועגן דער באַציונג פֿון אונדזערע מענטשן פֿון יידן אין מזרח־אייראָפּע, צו דעם געדרוקטן וואָרט, זייער דרך ארץ צום ספֿר און צו דעם מחבר. די יורשים קאָנען אָפֿט ניט קיין צורת אות און אָן דער הילף אונדזערער, וואָלטן אוצרות פֿון היסטאָרישן ווערט זיכער געגאַנגען לאיבוד.

שוין אַ לענגערע צייט פֿאַרנעמען מיר זיך מיט דעם אַרכיוו פֿון שלום אַש. עס געפֿינען זיך דאָרט הונדערטער בריוו פֿון באַקאַנטע יידישע פּערזענלעכקייטן צום שרייבער. אַ חוץ דעם האָבן מיר דאָרט אַ זאַמלונג פֿון אַרום 400 בריוו, וואָס שלום אַש האָט געשריבן במשך פֿון איבער 50 יאָר פֿון פֿאַרשיידענע לענדער צו זיין פֿרוי. דאָס איז אַ זאַמלונג פֿון אַ קאָלאָסאַלן היסטאָרישן ווערט, מיר האָפֿן בקרוב צו האָבן די מעגלעכקייט אַרויסצוגעבן די בריוו אין בוכפֿאָרם.

אַ וואָרט וועגן אונדזער צוזאַמענאַרבעט מיטן בריטישן מוזיי.

מיט אַ צייט צוריק האָבן מיר געשאַנקען אַ אַמלונג פֿון איינציקע הונדערט היסטאָרישע ביכער פֿאַרן בריטישן מוזיי, אין אָנדענק פֿון פֿאַרשטאָרבענעם קאַסירער פֿון ייוואָ, יונה פּאָדאָלסקי. אין דער זאַמלונג איז געווען מזרח־אייראָפּע. עס איז ביז גאָר וויכטיק, אַז אין אַ ביבליאָטעק אין לאָנדאָן זאָלן זיך געפֿינען די אַלע יזכור־ביכער, וואָס האָבן אַ קאָלאָסאַלן ווערט פֿאַר דער געשיכטע פֿון אונדזער חורבן אין אייראָפּע. און טאַקע צוליב דעם שטייען מיר אין כסדר'דיקן קאָנטאַקט מיט די לאַנדסמאַנשאַפֿטן אין דער וועלט, וועלכע גיבן אַרויס די יזכור־ביכער פֿון זייערע היימשטעט, מיר באַמיען זיך צו באַקומען די ביכער פֿאַרן בריטישן מוזיי. דאָס לעצטע יזכור־בוך וואָס מיר האָבן די טעג איבערגעגעבן דעם מוזיי איז געווען פֿון 23 קלענערע קהילות אַרום ווילנע, מיט שווינציאַני בראש.

ניטאָ ביז היינט אין לאָנדאָן איין יידישע ביבליאָטעק, וואָס זאָל זיך אינטערעסירן מיט אַזאַ וויכטיקער זאַמלונג פֿון יזכור־בוך.

דער ייוואָ איז היינטצוטאָג אָן אַדרעס אין לאָנדאָן, צו וועמען עס ווענדן זיך יחידים, אינסטיטוציעס און ביבליאָטעקן מיט פֿאַרשיידענע פֿראַגן וועגן יידיש, יידישע ביכער און וועגן ענינים וואָס האָבן אַ שייכות צו דער געשיכטע פֿון אַמאָליקע יידישע קהילות אין מזרח־אייראָפּע דער אינטערעס צו דער גייסטיקער ירושה פֿון די פֿאַרשניטענע קהילות איז איצט אַ סך גרעסער ווי אין די פֿאַרשיידענע יאָרן.

עס ווענדן זיך אָפֿט צום ייוואָ אין לאָנדאָן פֿאַרשטייער פֿון פֿאַרשיידענע קאָלאַדזשעס און פּאַבליק לייבראַריס, זיי קויפֿן מיט אונדזער הילף די נייעסטע ביכער אין יידיש, וואָס באַווייזן זיך אין אַנדערע לענדער.

ניט לאַנג צוריק האָט די „באָדליען לייבראַרי" פֿון אָקספֿאָרד געקויפֿט אַ גאַנצן גאַנג ייוואָ בלעטער אין יידיש און די שטאָטישע ביבליאָטעק אין דער איסט־ענד האָט דורך אונדז ווידער געקויפֿט פֿון איבער הונדערט יידישע ביכער. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז די דערמאָנטע ביבליאָטעק האָט נאָך היינט איייניקע הונדערט לייענער אין יידיש.

ווי שוין דערמאָנט, איז די עקזיסטענץ פֿון לאָנדאָנער ייוואָ אין אַ גרויסער מאָס דערמעגלעכט געוואָרן אַ דאַנק דעם, וואָס מיר האָבן די מיטהילף פֿון דער „ווינער לייבראַרי". מיר האָבן אויך לעצטנס באַקומען פֿון דער אינסטיטוציע אַ מתנה פֿאַרן ייוואָ אין ניו־יאָרק, אַ זאַמלונג פֿון איייניקע הונדערט ביכער, דופּליקאַטן פֿון אויסגאַבעס פֿון נאַצי דייטשלאַנד, פֿון די יאָרן 1933־1945, אַן אוצר פֿאַר דער געשיכטע פֿון די יאָרן.

אודאי ראַנגלט זיך דער לאָנדאָנער ייוואָ פֿאַר ווייטערדיקער עקזיסטענץ, ניט געקוקט אויף דער שטיצע אין דער לעצטער צייט פֿון אַ ריי אינסטיטוציעס ווי די יידישע אַגענץ, יי.וו.ק. און דער באָרד אָוו דעפּיוטיס.

אונדזער פֿאַרמעסט איז אַ באַשיידענער, מיר זיינען ווי תמיד אָפּטימיסטן, מיר ווילן האָפֿן, אַ מיט דער דערשיינונג פֿון באַנד „יידן אין ענגלאַנד" וועט דער אינטערעס פֿאַר דער טעטיקייט פֿון ייוואָ אין ענגלאַנד וואַקסן. עס וועלן זיך געפֿינען יחידים און אינסטיטוציעס וועלכע וועלן דערמעגלעכן די ווייטערדיקע עקזיסטענץ פֿון ייוואָ אין לאָנדאָן, וואָס איז געבליבן דער איינציקער אַדרעס פֿון דעם וויכטיקן אינסטיטוט אין אייראָפּע.

מ. ז.

## אברהם סילקעס (פּאַריז)

### ראָמען ראָלאַן (עסיי צו זיין הונדערטסטן געבוירנטאָג)

מיט אַ גרויס פּאַרנעם האָט איצט, נישט בלויז פֿראַנקרייך — נאָר כמעט די גאַנצע וועלט געפֿייערט דאָס הונדערטסטע געבוירניאָר פֿון דעם אומשטערבלעכן, גרויסן, פֿראַנצויזישן שרייבער ראָמען ראָלאַן.

אין דער פרעסע פון כמעט אלע שפראכן, וואס דערשיינען איבער דער צעשפרייטער וועלט, האבן געווידמעט דער דאזיקער דערשיינונג גרויסע אפהאנדלונגען און ארטיקלען.

אין אסך ליטעראטור אינסטיטוטן, ווערן געהאלטן ספעציעלע לעקציעס געווידמעט דעם גרויסן שרייבער ראמען ראלאן. עס ווערן צוגעגרייט אויסשטעלונגען, טעאטערס פירן אויס זיינע פיעסן, ספעציעל געווידמעט דעם באַרימטן מחבר פון „זשאן קריסטאף" און אנדערע אומשטערבלעכע ווערק זיינע.

די אויסווירקונג פון דעם קלאסיקער ראמען ראלאן און פון זיינע ווערק, שטייגט אפילו היינט, נאך אזויפיל אפגעלאפענע יארן, ווייט אריבער די גרענעצן פון איירָאפּע. ער געהערט צו די גייסטער, וועלכער איז פארשטאנען און גוט אפגעשאצט געווארן פון אלע פעלקער.

ראמען ראלאן איז געבוירן געווארן דעם 29־טן יאנואר 1866 אין קלאמסי (דעפארטעמענט ניעוור). ער קומט ארויס פון אן אנגעזעענער, רייכער משפחה. ווען ער איז אלט געווען 14 יאר, האט זיך זיין פאמיליע באזעצט אין פאריז. ער האט זיך זייער אפט באגעגנט מיט וויקטאר הוגא — וועלכער האט שטארק געווירקט אויף אים, און זיין שרייבערישער טעטיקייט. ער איז אויך געווען א גרויסער פארערער פון דעם רוסישן, גרויסן קלאסיקער לעוו טאלסטאי. וועגן וועמען ער האט אנגעשריבן א וויכטיק, זייער רייך ביאגראפיש בוך.

ראמען ראלאן האט אנגעהויבן שרייבן זייער יונג. זיינע ערשטע דראמעס און שאפונגען, די אממיינסטן באקאנטע זענען מערסטנטייל געבויט אויף טעמעס, וואס האבן א שייכות צו דער פראנצויזישער רעוואלוציע, ווי צ.ב.; „ראבעספיער", „דער 12־טער יולי", „וועלף", „דאנטאן" און אנדערע.

ער איז אבער גאר בארימט געווארן פאר זיין קרוין־ווערק „זשאן־קריסטאף", וואס ער האט געשריבן אין דער צייט פון גאנצע 10 יאר. „זשאן־קריסטאף" איז א ווערק פון 10 בענדער. דער הויפט־העלד איז זשאן, א יינגער מוזיקער, א פראטאטיפ פון בעטהאווען. אין דעם דאזיקן ווערק ברענגט ראמען ראלאן ארויס זיינע אידעען וועגן פריינטשאפט, פארברידערונג און הומאניזם צווישן פארשיידענע פעלקער און מענטשן.

ראמען ראלאן האט אויך געשאפן ערשטקלאסיקע ביאגראפישע ווערק פון אזעלכע גרויסע פערזענלעכקייטן ווי; טאלסטאי, זשאן זשאק רוסא, בעטהאווען, מאהאטמא גאנדי, און אויך וועגן גרויסע מוזיקער.

אין יאר 1915 איז ראמען ראלאן אויסגעצייכנט בעווארן מיטן נאבל־פרייז פאר ליטעראטור.

ראמען ראלאן איז געווען א גרויסער הומאניסט, און אויך געווען א שונא פון אנטיסעמיטיזם. ער האט ארויסגעוויזן אסך אינטערעס און פארשטענדעניש פאר יידישע פראבלעמען.

ווען היטלער איז געקומען צו דער מאכט אין 1933, האט ראמען ראלאן געשטעמפלט און פאראורטיילט די רדיפות קעגן יידן, און ער איז געווען א גרויסער קעגנער פון דער היטלעריסטישער מאכט. ווייל ער איז געווען א קעמפער פאר גערעכטיקייט, און א גרויסער קעגנער פון מענטשלעכער רשעות און אפגעשטאנענקייט. ער האט שטענדיק געשטרעבט צו שיינקייט און דערהויבנקייט צווישן מענטשן. ער איז אין תוך געווען און געבליבן שטענדיק אן אינדיווידואליסט מיט א זייער שארפן אינטערעס פאר סאציאלע, מענטשלעכע פראבלעמען. צווישן די פיל פראבלעמען, וואס ער בארירט אין זיינע ווערק, זענען פאראן פערזענלעכע און איניווערסאלע ענינים; מאטיוון פון עראטיק, עקזאטיק, סאציאל און סאציאל־פסיכאלאגישע, באציאונגען צווישן מענטש און מענטש און אויך מאטיוון פון קלאסן־צוגעהעריקייט.

ער איז געווען א פארשער און שילדערער פון טיף ערנסטע מענטשלעכע פראבלעמען. א קינסטלער מיט שטרענגע פאדערונגען צו זיך אליין און צו דעם גאנצן ארום פון זיין צייט. זיין פענזל איז געווען שארף. מיט פיינע, פארביקע שפראך־בילדער, האט ער געשילדערט די שארפע סאציאלע קאנטראסטן אין דער קלאסן־געזעלשאפט. ער האט געזען און געוויזן דעם אנקום פון גרויסע סאציאלע איבערקערענישן אין דער וועלט.

אין א גרויסער צאל פון זיינע רעאליסטישע שאפונגען, האט ראמען ראלאן ארויסגעבראכט שיינע, ליכטיקע מענטשלעכע געשטאלטן, און זיי געגעבן קינסטלערישן אויסדרוק צום טיפן מענטשלעכן צער, צו גייסטיקע יסורים, צום רירנדיקן טראגיזם. ער אנטפלעקט זיך אין זיינע שאפונגען, נישט בלויז ווי א ליטערארישער פסכאלאג אוין פסיכאאנאליטיקער, נאר אויך ווי א שרייבער מיט א גרויס, ווארעם, מיטפילנדיקן הארץ פאר דעם געליטענעם מענטשן בכלל.

איינע פון זיינע וויכטיקסטע בייטראגן פאר דער וועלט־ליטעראטור, באשטייט אין דעם, וואס ער האט געגעבן שטיקער פראנצויזיש און אלגעמיינעם, מענטשלעכן לעבן אין זיינע ווערק. רייכע בילדער און שילדערונגען פון שטעט און שטעטלעך, פון מענטשן און פראבלעמען, פון דעם לעבעדיקן מענטשן צו יענער צייט.

ראמען ראלאן איז געשטארבן אין יאר 1944 אין דעם עלטער פון 79 יאר.

זיינע אלע ווערק וואס ער האט איבערגעלאזן פארבלייבן אומשטערבלעך. זיי זענען שוין פון לאנג אריינגעגאנגען אין דעם גרויסן פאנטעאן פון מענטשלעכער שאפונג און גייסטיקייט.

צו זיין הונדערטסטן געבוירנטאר גיבן אים איצטער אפ כבוד אלע מענטשן און אלע פעלקער פון דער וועלט.

די ירושה, וואס ער האט איבערגעלאזן שפרייט פון זיך אויס ליכט, וויסן און גייסטיקן גענוס, ווען מען לייענט און מען בלעטערט נאך היינט, נאך אזויפיל אפגעלאפענע יארן זיינע אלע אומשטערבלעכע, גרויסע הומאניסטישע ווערק.

## די יידיש ליטעראַרישע שבת-נאכמיטאקס

(בערנארד באראן סעטלמענט, 33 הענריקעס סטר. א.1.—3 א זייגער)

שבת, דעם 9'טן יולי—די הערצל־ביאליק־אש יארצייטן.

שבת, דעם 16'ן—ח. נ. בענקוויטש איבער זיינע איינדריקן פון זיין איצטיקע נסיעה קיין ישראל; לייבל ביילי — איינדרוק איבער שפאניע — על רגל אחת א שפאציר.

שבת, דעם 23'סטן—משה בעקערמאן איבער זיין נסיעה אין יוגא־סלאוויען.

## צום בעל־יובל י. מ. קייזער

אונדזערע הארציקסטע ברכות צום ווערן א בן־שבעים מיר ווינטשן אייך לאנגע יארן פֿון שעפעריש לעבן באַגלייט מיט געזונט, מנוחה און כל טוב צוזאמען מיט משפחה עד מאה ועשרים.

פֿאַרן ייִוואָ־קאַמיטעט אין לאנדאן,
מיכאל זילבערבערג.

## יוסף לעפּטוויטש אין אמעריקע



יוסף לעפּטוויטש איז געווען א דעלעגאט ביים פּען־קאנגרעס, וואס איז אפּגעהאלטן געווארן דאס יאר אין אמעריקע. ביים קבלת פּנים איינגעאָרדנט פֿאַר אים פֿונם אלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאנגרעס אין דעם יידישן פּען־קלוב האבן דעם גאסט באגריסט א. גלאַץ־לעיעלעס, אפֿרים אויערבאך, דר שמואל מארגאשעס א.א. יוסף לעפּטוויטש האט געהאלטן א רעפעראט „די ראָלע פֿון דער יידישער ליטעראטור אין דער וועלט״. דער פארזיץ האט געפֿירט חיים בעז.

דער חשובער גאסט איז אויפגענומען מיט א ברוך־הבא אין יוו״א אין אמעריקע.



דער יובל פון א. מ. קייזער, לאנדאנער הומאריסט, איז געפייערט געווארן ביים יידיש־ליטעראַרישן שבת־נאכמיטאג. מיט רעדעס האבן זיך באַטייליקט: ד״ר יעקב מייטליס, י. א ליסקי חבר בירנבוים און א. נ. שטענצל. געלייענט קייזערס הומאַרעסקעס האט דער באקאנטער אקטיאר יידל גאלדבערג און אייזיק גאלדבערג. מיר ווינטשן דעם בעל־יובל נאך אסך געזונטע, גוטע יארן צוזאם מיט זיין פֿרוי און טאכטער.

## באגריסונג צו א. מ. קייזער

דער יידישער זשורנאַליסטן און ליטעראטן־פֿאַריין אין ענגלאנד, באגריסט אונדזער חשובן פארזיצער, א. מ. קייזער, לכבוד זיין 70־סטן געבוירנטאר און ווינטשן אים כל טוב צו זיין ווייטערדיקער טעטיקייט אויפן געביט פון דער יידישער ליטעראטור, און לטובת דעם יידישן ישוב אין ענגלאנד.

פֿאַר דער עקזעקוטיווע:

י. פֿרענקעל,

ש. י. האַרענדאַרף

264

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 8־9 (העפט 17־416) זיבן און צוואנציק. יאר אויג.־סעפּ. 1966 לאנדאן

אינהאלט:

על חטא שנת תשכ״ו, תפילה זכה, יעקב גלאטשטיינען צום יובל־השבעים ** 1
א טייל פון זיין מי (עסיי צו יעקב גלאטשטיינס יובל) ........ מאיר גערטנער 9
ראש השנה (ליד) ........ יעקב גלאטשטיין 15
ווידוי, מזכיר־נשמות (לידער) ........ יוסף לעפּטוויטש 16
דער דיאלאג צווישן חסידים און מתנגדים (עסיי) ........ יעקב ריכטיגער 17
רעגן (ליד) ........ שמואל וההייט 20
רייזע איינדריקן ........ משה בעקערמאן 21
די יידישע שפראך (ליד) ........ מערי קאהען 27
די באלאדע פון מענדעק מעכאניקס טעכטערל, א בין־השמשות אזא...
(פראזע) ........ א. נ. שטענצל 28
„אויף די וועגן פון יידישן גורל״ פון מ. צאנין (רעצענזיע)........ש. י. דארפזאן 43
ווער וועט זיי פארטרערטן? (נעקראלאג) ........ הערי אריעל 46
חבר שיע בירנבוים א בן שמונים ........ מאיר באגדאנסקי 48
איין יום הדין און בית־דינס אזש צוויי, דוב סדן צוגאסט אין ענגלאנד ........ש. 49
רעדאקציע נאטיץ, יידיש ליטערארישע שבת נאכמיטאגס
ראש־השנה־ווונטשן

רעדאקציע נאטיץ: די נעקראלאגן איבער יעקב פאט, נחמן מייזל, בערל מארק און די לאנדאנער קולטור־ידיעות אין קומענדיקן נומער.—ד.ר.

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

פרייז 2 שילינג

אבאנאמענט־פרייז:—26 שילינג פאר א יאר
אין אויסלאנד:—8 דאלאר א יאר

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע:—
'LOSHN UN LEBN," 17 DELAMARE BUILDINGS.
COLLINGWOOD STREET, LONDON, E.1. ENGLAND

*Published and Edited by* A. N. STENCL, 17 *Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press,* 129-131 *Cavell Street, London, E.1*